THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY
JAN 21 1931

The Daily Hebrew Journal

דער אידישער זשורנאל

אונזערע
טעלעפאן נומערן
זענען
6830
6831
פרינסי

אונזער
אפיס
איז אין
542
דאנדעס וועסט

VOLUME XVII No 7491 — Monday, January 19th, 1931 — יום ב', א' שבט, פרשה בא, תרצ"א. — טאראנטא, מאנטאג דער 19-טער יאנואר, 1931. — PRICE THREE CENTS

N. Y. Public Library
476 Fifth Ave.
NEW YORK, N. Y.

אקציאנס קאמיטעט באשליסט צו אפלייגען ציוניסטישען קאנגרעס

דר. הייסטינגס, געוועזענער מעדיקעל אפיסער אף העלט פון טאראנטא טויט

איינער פון די פראמינענטסטע פערזענליכקייטען פון טאראנטא, דר. טשארלז דזש. א. הייסטינגס, וועלכער איז, אין פארלויף פון 19 יאר געווען „מעדיקעל אפיסער אף העלט" פון טאראנטא, איז שבת, שפעט נאכמיטאג געשטארבען אין זיין היים, אויף 252 ראססעל היל ראוד, אין עלטער פון 73 יאר.

דר. הייסטינגס, וועלכער האט אין מאי פון 1929 זיך צוריקגעצויגען פון זיין אמט, צוליעב שוואכען געזונט, איז די גאנצע צייט געווען קראנק. לעצטענס איז זיין צושטאנד געווארען ערגער, אבער מיט א טאג פריהער, פאר זיין טויט, האט זיך געמערקט א פארבעסערונג אין זיין צושטאנד, און מען האט שוין אפילו געגלויבט אז ער וועט געזונט ווערען. זיין פלוצלונגדיגער טויט איז דאריבער געקומען אונערווארטעט פאר אלעמען.

אלס הויפט פון דעם טאראנטאר העלט דעפארטמענט האט ער באוויזען גאר א סך צו אויפטאן פאר דער פארבעסערונג פון דעם געזונט-צושטאנד ביי אונז אין שטאדט. ער האט ענטוויקעלט דעם העלט דעפארטמענט און געמאכט איהם אויסשטייענד אויפ'ן אמעריקאנער קאנטינענט.

ער איז געווען באזונדערס פראמינענט אלס מעדיקער, און מיט זיין טויט האט טאראנטא פארלוירען א וויכטיגע פערזענליכקייט.

טערקישע מוסולמאנער האבען געפלאנט צו אפשמדן אידען און פארכאפען גאנצע וועלט

איסטאמבול, יאנ. 18.

אין מאנעמען קומט איצט פאר דער פראצעס פאר א מיליטערישען געריכט פון 214 רעליגיעזע רעאקציאנערען, אויף א קלאגע אז זיי האבען געוואלט אומווארפען די איצטיגע מאכט און איינפיהרען אין טערקיי צוריק די אלטע סיסטעם פון רעליגיעזער הערשאפט. דער פראקוראר האט פארלאנגט אז 41 פון די גע'משפט'ע, וועלכע זענען געווען די פיהרער פון דער פארשווערונג זאלען קריגען טויט-שטראף, און 24 אנדערע, צווישען וועלכע עס זענען פאראן 4 פרויען, זאלען קריגען לעבענסלענגליכע געפענגעניש.

נאך א שטרענגען קרייז-פארהער פון די פיהרער פון דער באוועגונג, האט זיך ארויסגעוויזען אז די גע'משפט'ע האבען געפלאנט צו אנהויבען א מוסולמאנישען קרייז-צוג איבער דער גאנצער וועלט, און צו צוריקברענגען די רעליגיעזע הערשאפט אין טערקיי. דער פראגראם פונ'ם קרייז-צוג האט איינגעשלאסען א מארש אויף אנגארא אונטער דער פיהרערשאפט פון דעם 96-יאריגען שייך עססאד, צו קעפען אלע אנגעשטעלטע פון דער איצטיגער רעפובליק-רעגירונג, וועלכע דערלויבען זייערע פרויען צו געהן אפגעדעקט דאס פנים, און צו אויפלעבען צוריק איסטאמבול אלס די הויפט-שטאדט פון טערקיי, און צו באשטימען אלס קאליף איינעם פון די זיהן פון דעם סולטאן אבדול האמיד.

אלע רעגירונגס-אקטיוויטעטען האבען, לויט די פלענער, געזאלט סוספענדירט ווערען אין צוויי מאנאטען, און די דאזיגע צייט זאל אוועקגעגעבען ווערען הויפטזעכליך צוויי לייענען דעם הייליגען דערווישען-בוך „זעקיר". דערנאך האבען די קרייצציגער אין זינען געהאט צו מארשירען קיין סיריע און פאלעסטינע, וואו זיי וואלטען געצוואונגען די אידען צו אפשמד'ן זיך און איבערגעהן צום מאהמעדאנישען גלויבען. אן איינלאדונג וואלט אויך נאכדעם ארויסגעלאזען געווארען צו אלע וועלט-טיילען צו אננעהמען דעם מוסולמאנישען גלויבען.

דער געריכטס-פארהער וועט נאך געדויערען עטליכע וואכען.

ריאט אין טאראנטאר דזשייל אונטערדריקט נאך 4 שעה

אלס רעזולטאט פון דער ענגשאפט וואס הערשט אין דעם טאראנטאר דאן דזשייל, און אויך צוליעב דעם וואס מען האט אויפגעהערט געבען די פריזאנערס טאבאק צו רויכערען, האט א ראיאט דארט אויסגעבראכען שבת אווענט, וועלכער האט געדויערט 4 שעה צייט, און איז אונטערדריקט געווארען בלויז נאכדעם ווי שטרענגע מיטלען זענען אנגענומען געווארען פון די דזשייל-באאמטע. זיבען פון די פיהרער פון אויפשטאנד האבען באקומען צו פינף שמיץ יעדערער, און די איבעריגע ווערען איצט געהאלטען אויף א שטרענגער וואך.

אין דעם אויפשטאנד האבען זיך באטייליגט 200 ארעסטאנטען. עס ווייזט זיך ארויס, אז דער אויפשטאנד איז געווען א גוט געפלאנטער. די ארעסטאנטען האבען געוואלט איינברעכען זייערע טירען און נאכדעם נעהמען געפאנגען די וועכטער. זיי האבען דאריבער געקלאפט אין די טירען, געשריען און פאראורזאכט א שרעקליכען אויפרודער.

מעיאר סטוארט האט נאך אן אונטערזוכונג אין דזשייל דערקלעהרט, אז ער וועט היינט אויפנעהמען די פראגע וועגן דעם ראיאט מיט דער בארד אף קאנטראל.

משומד טאר ניט זיין פירער פון אידישער אינסטיטוציע

ווארשע, יאנ. 18, (איטא).

דער ווילנער וואיעוואדע האט באשלאסען צו בטל מאכען די נאמינאציע פון דר. פינקעלשטיין, וועלכער איז א משומד, אלס פרעזידענט פון „טאז", די אידישע געזונטהייטס אינסטיטוציע פון ראוונע.

דער וואיעוואדע האט דערביי דערקלעהרט, אז א גע'שמד'טער איד טאר ניט שטעהן אן דער שפיץ פון א אידישער אינסטיטוציע.

העברייאישער אויטאר קאנטאראוויץ געשטארבען

ווארשע, יאנ. 18, (איטא).

שמואל-שבח קאנטאראוויץ, 62 יאר אלט, איז געשטארבען. ער איז געווען א העברייאישער וויסענשאפטסמאן, און דער אויטאר פון א סך פילאזאפישע ווערק.

דערעפענונג פון פעדעראלען פארלאמענט וועט אפגעלייגט ווערן

אטאווא, יאנ. 18.

עס ווערט דא פאראויסגעזאגט אז צוליב דעם וואס קאנאדע איז איצט אהן א גאווערנאר-דזשענעראל — דער פריהערדיגער איז שוין אוועקגעפאהרען און קיין נייער איז נאך ניט באשטימט געווארען, וועט די דערעפענונג פון דעם פעדעראלען פארלאמענט אפשר פארקומען ארום מיטען מערץ, אנשטאט אין אנהויב פון קומענדען מאנאט, ווי מען האט געגלויבט.

מזרחי'סטישע מיטגלידער מיט רבי מאיר בערלין, רעזיגנירען אויס פראטעסט. — ראדיקאלער ציוניסטישער מיטגליד, דר. נחום גאלדמאן, וועט אויך רעזיגנירען. — באשלוס ווערט באטראכט אלס א גרויסער זיעג פאר ווייצמאנ'ען.

ווייצמאן וויל פארבלייבען ציון פיהרער אויב אפאזיציע וועט אויפגעבען איהר קריטיק

לאנדאן, יאנ. 18, (איטא).

נאך א סעסיע וואס האט געדויערט א גאנצע נאכט, האט דער אקציאנס קאמיטעט באשלאסען מיט 20 שטימען געגען 11, צו אפלייגען דעם ציוניסטישען קאנגרעס. באלד נאך דעם דאזיגען באשלוס האבען די מזרחי מיטגלידער, איינשליסענדיג רבי מאיר בערלין, באקאנטגעמאכט, אז זיי ווילען באלד רעזיגנירען פון דער עקזעקוטיווע.

דר. נחום גאלדמאן, ראדיקאלער ציוניסט, האט באקאנטגעמאכט, אז ער וועט אנהאלטען זיין אמט ביז דעם קומענדען מיטינג פון זיין ארגאניזאציע.

אין אלע קרייזען באטראכט מען דעם באשלוס צו אפלייגען דעם קאנגרעס און דאס אננעהמען די פולע רעזאלוציעס פון דעם אקציאנס קאמיטעט, אלס א וואונדערבארער זיעג פאר ווייצמאנ'ס רעזשים. אין זיין רעדע האט ווייצמאן ביטער אטאקירט די מעטאדען פון דער אפאזיציע אין איהר קאמפיין געגען איהם, און ער האט אנגעדייט זיין ווילליגקייט צו פארזעצען די דירעקטע ארבייט פאר פאלעסטינע, בתנאי אבער אז די איצטיגע אטמאספערע פון דער אפאזיציע און די קריטיק זאל אפגערייניגט ווערען.

דראסטישע רעארגאניזירונגס ארראנזשמענטס זענען אויך באטראכט און באשלאסען געווארען. ס'איז פאראדערט געווארען צו אויפהערען ארויסגעבען די ציוניסטיש-העברייאישע צייטונג „העולם".

ווארבורג זאגט אז איצטיגע ציוניסטישע לאגע איז קריטישסטע

ניו יארק, יאנ. 18.

אז דאס פאלעסטינער אידענטום איז נאך קיינמאל ניט געווען אין אזא קריטישער לאגע ווי איצט, איז די מיינונג וואס איז אויסגעדריקט געווארען פון פעליקס ווארבורג, אין זיין אויפרוף צו באטייליגען זיך אין דער פאלעסטינע-קאנפערענץ וואס וועט נעקסטען זונטאג אפגעהאלטען ווערען אין האטעל בילטמאר.

פארשטעלונג אין קיטשענער איבערגעריסען איבער בונט פון אמאטארען

ספעציעל דורכ'ן טעלעפאן צום זשורנאל פון מר. וואלדמאן

קיטשענער, יאנ. 18.

א שטיקעל סקאנדאל איז דא היינט אווענט אנטשטאנען ביי א פארשטעלונג וואס איז ארראנזשירט געווארען פון דער קיטשענער לייידיס אייד סאסייטי, וואו אן אמאטארען טרופע האט אויפגעפיהרט יעקב גארדינ'ס „די שטארקע קראפט".

צום דריטען אקט האט די טרופע פארלאנגט $30 פאר דער טרחה, און ווען די סאסייטי האט זיך אנטזאגט צו באצאהלען די סומע, האט דער עולם געמוזט אוועקגעהן אהיים אין מיטען דער פארשטעלונג.

מאטאר-לייסענס קאנען נאך באקומען ווערען אין עטליכע טעג

פראווינציעלער פרעמיער הענרי האט נעכטען דערקלעהרט, אז מאטאריסטען וואס ווילען באקומען נייע לייסענס, זאלען זיך ניט שטופען אין ענגשאפט, ווייל עס ווערט זיי געגעבען נאך עטליכע טעג צו קענען באקומען די לייסענס.

ברעג פון ניאגרא פאלס ברעכט זיך איין פון שווערער משא

ניאגרא פאלס, יאנ. 18.

דער וועלט בארימטער ניאגרא וואסער-פאל האט היינט באקומען אן אנדער אויסזעהן, ווען א שווערע משא פון טויזענטער פונט האט זיך אפגעבראכען פון דעם וואסער-פאל-ברעג אויפ'ן אמעריקאנער זייט, אויסגראבענדיג א טיפעניש פון 200 פוס, וואס האט דעם אויסזעהן פון א האלבען צירקעל.

דאס איז דאס ערשטע מאל אין פארלויף פון הונדערטער יארען וואס אזעלכעס האט ווען פאסירט, און מענשען געדענקען בכלל ניט, אז צוליעב'ן דרוק פון דעם שטראם זאל דער שטיין-ברעג זיך צוברעכען. פאסירט האט עס היינט פאהטאג, און דאס גאנצע בילד פון דעם וואסער-פאל איז איצט פולשטענדיג געענדערט געווארען איבער דער דאזיגער געשעהעניש.

גרעניץ-באאמטע האבען איבערגעגעבען אז זיי האבען געהערט זונטאג באגינען א גערויש אבער זיי האבען ניט פארשטאנען פון וואנען עס קומט.

עס ווערט דערווארט אז איצט זאל נאכפאלגען א צווייטע איינברעכונג פון דעם ברעג, אלס רעזולטאט פון דער ערשטער.

אידישע ארבייטער ארעסטירט אין סכסוך מיט פלאנטאטארס

ירושלים, יאנ. 18, (איטא).

9 אידישע ארבייטער זענען ארעסטירט געווארען און זענען נאכדעם ארויסגעלאזען געווארען אונטער $100 יעדערער, נאך א סכסוך מיט די אידישע ארענדזש פלאנטאטארס פאר באשעפטיגען ניט-יוניאן ארבייטער.

די הויפט-שטאדט פון טראנסיארדאניע געפינט זיך איצט אין פאקטישער פינסטערניש איבער דעם באשלוס פון דער מוניציפאליטעט ניט צו באנוצען זיך מיט רוטענבערג'ס עלעקטריק.

סטאלין קריגט שטארקע אויפנאמע ביי יונגענט קאנגרעס

מאסקווע, יאנ. 18.

יאזעף סטאלין האט באקומען איינעם פון די שטורמדיגסטע אוואציעס וואס א רוסישער פיהרער האט ווען באקומען זינט לענינ'ס טויט, ווען ער איז דערשינען צו אדרעסירען דעם 9-טען קאנגרעס פון דער קאמוניסטישער יוגענט פארטיי. איבער 10 טויזענט יונגעלייט האבען אנגעפילט די מאסקווער גרענד אפערא הויז, וואו דער קאנגרעס ווערט אפגעהאלטען.

דער קאנגרעס האט זיך דערקלעהרט פאר אן אונקאמפראמיסליכען סאציאליזם.

גרויסטער עולם ביים נ. שטראוס מעמאריעל אין ירושלים

ירושלים, יאנ. 18, (איטא).

דער סטראס העלט סענטער אודיטאריום איז געווען איבערגעפאקט ביים מעמאריעל וואס איז היינט אפגעהאלטען געווארען נאך „שבעה". דר. מאגנעס איז געווען פארזיצער.

צווישען די רעדנער זענען געווען, דר. מאגנעס, מאיר דיזנהאף, מעיאר פון תל-אביב, דוד יעלין, און אנדערע.

„אגודיסטישער" סענאטאר ארעסטירט

קראקוי, יאנ. 18, (איטא).

דער געוועזענער סענאטאר און „אגודיסט" משה דייטשער, אייגענטימער פון א דייטשער דרוקעריי וואו דער ארגאן פון דער לינקער פועלים פארטיי איז געדרוקט געווארען מיט'ן נאמען „כלאפסקיע זיטשיע", איז ארעסטירט געווארען.

פיש-קאמיטע רעקאמענדירט צו ארויסשיקען קאמוניסטען

וואשינגטאן, יאנ. 18.

אין איהר באריכט צום קאנגרעס וועגען איהר אונטערזוכונג פון דער קאמוניסטישער אקטיוויטעט אין אמעריקע, האט די פיש קאמיטע רעקאמענדירט צום קאנגרעס 14 אופנים ווי אזוי צו באקעמפען דעם קאמוניזם אין לאנד. קודם כל זאל די קאמוניסטישע פארטיי ווערען ניט-געזעצליך אין לאנד; צווייטענס, צו קאנסלען די בירגערשאפט פון איהרע מיטגלידער; דריטענס, צו דעפארטירען אלע קאמוניסטישע ניט-בירגער; פערטענס, ניט צו נאטוראליזירען קיין קאמוניסטען; פינפטענס, צו אפשטעלען אלע קאמוניסטישע צייטונגען; זעקסטענס, צו אנקלאגען אלע קאמוניסטישע צייטונגען פאר פארשפרייטען פאלשע קלאנגען מיט'ן צוועק צו רואינירען די בענק. אנדערע רעקאמענדאציעס האבען צו טאן מיט'ן רוסישען האנדעל און ד. גל.

די קאמיטע זאגט, אז אין אמעריקע זענען פאראן 500,000 קאמוניסטען

פאלקס פאראיין מיטגלידער, האבען געהערט א באריכט פון א יאר הילפס ארבייט

1447 פערזאן האבען באקומען מעדיצינישע הילף לעצטען יאר. — פאראיינ'ס אנגעשטעלטע האבען גערעדט אין די האספיטאלס פאר 4853 פערזאן, וועלכע זענען געקומען נאך דאקטוירים הילף. — $21,500 זענען געוועזען דעם פאראיינ'ס אויסגאבען. — די פאראיין טוער האבען אנגעפיהרט א יאר הילפס ארבייט אונטער זעהר שווערע אומשטענדען. — פארזאמעלטע האבען ערוועהלט נייע באאמטע.

דייוו ווילסאן ערוועהלט פאלקס פאראיין פרעזידענט

נאהענט פון דריי הונדערט מיטגלידער האבען נעכטען נאכמיטאג געהערט

א. שער, עהרען-פרעזידענט

אן אויספיהרליכען באריכט פון א יאר פאלקס פאראיין טעטיגקייט, און אויף וואס פאר אן אופן די באשיידענע הילפס אינסטיטוציע וועלכע האט קרוב פון דריי טויזענט מיטגלידער, פיהרט אן איהר טעטיגקייט.

פאר די צוהערער איז ענטוויקעלט געווארען א גרויסארטיג בילד פון די אלגעמיינע הילפס ארבייט וועלכע איז לעצטען יאר געטאן געווארען מיט מעהר מסירת נפש און איבערגעבענהייט ווי אין די פריהעריגע יארען, ווייל דער איצטיגער קריזיס האט פארגרעסערט די צאהל פון ארבייטסלאזיגקייט און אויך געהעכערט די צאהל פון קראנקהייטען, פון וועלכען פיעלעס איז אויפגענומען געווארען פון די פאלקס פאראיין באמטע.

דער אפיציעלער באריכט

דער באריכט איז געלעזען געווארען פון ל. מ. קירשענבוים, דער עקזעקוטיוו סעקרעטאר, וועלכער האט גענוי אנגעגעבען, אז די צאהל פערזאנען וועלכע האבען זיך געווענדעט צום פאראיין איז באשטאנען פון 1447. דעם פאראיינ'ס איבערזעצער וועלכע ריידען אין די האספיטאלס פאר די וועלכע קענען ניט די שפראך איז באשטאנען פון 4853 פערזאן.

358 פרייע סיטי ארבערס איז באקומען געווארען פון סיטי רעליעף פאר ארימע קראנקע, וועלכע האבען ניט געקענט באצאהלען, דאס מיינט מעהר ווי א סיטי ארדער א טאג.

33 פערזאן זענען באפרייט געווארען פון א סומע פון טויזענט דאלאר וואס זיי זענען שולדיג געוועזען צו די האספיטאלס און ניט געקענט באצאהלען.

73 פאציענטען זענען באפרייט געווארען צו באצאהלען די סומע פון 1875 דאלאר, נאכדעם ווי דער פאראיין האט פעסטגעשטעלט אז זיי קענען ניט באצאהלען.

פון 144 פערזאן וועמען די האספיטאלס האבען ענטזאגט צו היילען, זענען

ל. מ. קירשענבוים, סעקרעטאר

120 פערזאן צוריק אריינגענומען געווארען א דאנק דעם פאראיינ'ס אריינמישונג.

178 קראנקע זענען דורכ'ן פאראיין אריינגעגעבען געווארען אין די האספיטעלער.

235 עקס-רעים זענען גענומען געווארען פריי.

522 קראנקע האבען באקומען פרייע מעדיצין.

11 קראנקע האבען באקומען פרייע ראדיום טריטמענטס.

102 פרייע טאנסיל אפעראציעס זענען געמאכט געווארען דורכ'ן פאראיין פאר ארימע קינדער.

61 פערזאן האבען באקומען פרייע עלעקטריק טריטמענטס.

85 פרייע אפעראציעס זענען געמאכט געווארען פון פארשידענע אנערקענטע דאקטוירים.

36 פערזאן האבען באקומען פרייע ציין, און 19 פערזאן האבען באקומען פרייע אויגען-גלעזער.

213 פאמיליעס איז געגעבען געווארען מעדיצינישע באהאנדלונג אין דער היים פריי.

און אזוי איז אין באריכט געשילדערט געווארען בילד נאך בילד וואס האט איבערצייגט די גוטע און נויטיגע ארבייט וואס איז אין פאראיין געטאן געווארען לעצטען יאר, און ווי אזוי די פאראיין באאמטע האבען רעאגירט אויף יעדע זאך.

דאס באזוכען אין די האספיטעלער

דער באריכט האט אויך ארומגענומען די ארבייט וואס ווערט געטאן פון פארשידענע קאמיטעען וועלכע באזוכען די האספיטאלס.

צעהנדליגער אידישע פרויען, מיטגלידער פון פאראיין, גיבען אוועק פיעלע טעג צו באזוכען די קראנקע אין די פארשידענע האספיטעלער, זיך דורכריידען מיט זיי, און ברענגען זיי א טרייסט ווארט.

א דאנק איז אויך אויסגעדריקט געווארען צו די רבנים פאר באזוכען די

דייוו ווילסאן, פרעזידענט

האספיטאל קראנקע פון צייט צו צייט.

דער באריכט האט אויך ארייגענומען די פסח ארבייט פון פאראיין, די טעטיגקייט אין קינדער און קאנסאמפשאן האספיטאלס, עמיגראנטען ארבייט, דאס קויפען פון פאלקס פאראיין הויז, און ווען דער באריכט איז פארענדיגט געווארען, האבען די מיטגלידער מינוטען לאנג אפלאדירט און אויסגעדריקט א הארציגען דאנק צו די באאמטע מיט דעם פרעזידענט בראש, וועלכע האבען פארצייכענט א רעקארד יאר פון הילפס ארבייט פון פאלקס פאראיין.

ה. טייט, קאסירער

(פארזעצונג אויף זייט 3)

דאס גרויסע פייער

בעארבייט אין איד־
דיש לויט דעם בא־
ריהמטען ראמאן

— פון —
טשארלס דיקענס
„בארנבי ראדזש".

(פארזעצונג)

און גאבריעל ווארדען האט זיך גע־לאזען אין וועג אריין. טראכטענדיג וועגן פארשיעדענע זאכען, נאר הויפטזעכליך וועגען עפעס א רעכטען נוסח, ווי אזוי צו דערצעהלען וואס מיט איהם האט פאסירט, כדי צו פארענטפערען פאר מיסעס ווארדען זיין באזוך אין שיינק, וואס דאס איז געווען געגען א געוויסען פייערליכען אפמאך צווישען איהם און דער דאזיגער ליידי. טראכטען פיהרט נישט בלויז צו געדאנקען, נאר גאנץ אפט אויך צו א דרעמעל, און וואס מעהר דער שלאסער האט געטראכט, אלץ שלעפעריגער איז ער געווארען.

א מענש קאן זיך זיין גאנץ ניכטער, אדער וועניגסטענס אויף דער גרעניץ צווישען ניכטערען און שכור'ן צושטאנד, און דאך פיהלען א שטארקע נייגונג צו פלאנטערען איינע מיט די אנדערע אזעלכע זאכען, וואס האבען צווישען זיך קיין שום שייכות נישט — צונויפמישען פערזאנען, געגענשטענדען, צייטען און ערטער און שאפען פון זיי קאמבינאציעס, וואס זענען פונקט אזוי אומגעריכט, ווי וועניג האפט זיי האבען. אין אזא צושטאנד האט זיך גאבריעל ווארדען געפונען, פאהרענדיג צו זיך אהיים און געבענדיג זיין פערד פולע פרייהייט אויפ'ן גוט־באקאנטען וועג. איינמאל, בעת דאס פערד האט זיך אפגעשטעלט ביי א שלאנבוים ווארטענדיג ביז מען וועט עפענען דעם דורכגאנג, האט גאבריעל אפילו געזאגט דעם וועכטער פון שלאנבוים „גוט־נאכט", אבער דאס האט ער נאר וואס ערוואכט פון א חלום וועגען דעם, ווי אזוי ער האט פארריכט א שלאס ביים גרויסען מאגאל (דער טיטעל פון די מאנגאלישע הערשער אין אינדאסטאן, אין דעם משך פונ'ם 16־טען ביז'ן 18־טען יאהרהונדערט.) אין בויך; און אפילו שוין א וואכענדיגער האט ער אנגענומען דעם וועכטער פאר זיין שוויגער, וועלכע איז שוין צוואנציג יאהר געלעגען אין קבר. באלד דערנאך איז ער ווידער איינגעשלאפען, שאקלענדיג זיך הין און הער ביי יעדען טראט, וואס דאס פערד האט געמאכט.

ביסלאכווייז האט ער זיך דערנעהענטערט צו דער ריזיגער שטאדט, וועלכע איז געלעגען פאר איהם אויסגעשטרעקט ווי א טונקעלער שאטען, און נאר אין דער הויך איבער איהם האט זיך געטראגען א געדיכטע רויטע שיין, דערצעהלענדיג וועגן א לאבירינט דארט אונטען פון עפענטליכע וועגען, גאסען, קראמען און מחנות פון באשעפטיגטע מענשען. צייטענווייז האבען זיך געוויזען אין דער ווייטקייט שוואך־באלויכטענע גאסען, ערטערווייז געפלעקט העלער און ליכטיגער. דערנאך זענען זיי פארשוואונדען און אנדערע האבען זיך געוויזען אויף זייער ארט, און זענען ווידער פארשוואונדען און ווידער ערשיענען. דאן האבען אנגעהויבען גריכען אהער פארשידענע קלאנגען: דאס שלאגען פון שטאדט־זייגערס, דאס ווייטע געביל פון הינט, די קלאפעריי פון רעדער אויפ'ן ברוק. ענדליך זענען די קלאנגען געווארען שארפער און די פארמען דייטליכער, און לאנדאן — זיכטבאר אין דער פינסטער ביי זיין אייגענער שוואכער שיין, נישט ביי דער שיין פון גאט'ס הימעל — איז צוגעקומען גאר נאהענט.

דער שלאסער האט נאך אלץ געדרעמעלט, ווען א שארף געשריי האט פלוצלונג דורכגעשניטען די לופט, און ווארדען האט זיך א צאפעל געטאן און געעפענט די אויגען.

ער האט געקוקט א ווייל מיט ווילדע אויגען ארום זיך ווי א מענש, וואס זעהט אין חלום עפעס א משונה'דיג לאנד, נאר באלד האט ער דערקענט די אומגעגענט. האט זיך פויל אויסגעריבען די אויגען און וואלט פיליכט ווידער איינגעשלאפען — נאר דאס געשריי האט אפגעהילכט נאכאמאל, און נית איין מאל אדער צוויי מאל, נאר פיעל מאל איינס נאכ'ן אנדערען, און יעדעס מאל מיט א גרעסערען וועהמוט. איצט איז שוין גאבריעל איינגאנצען געקומען צו זיך, און זייענדיג א מוטיגער מענש, האט ער א שמיץ געטאן דאס פערד און זיך געלאזען גלייך צו יענעם ארט, פון וואנען די געשרייען זענען געקומען.

דער פאל איז ווירקליך געווען אן ערנסטער. דען אין גיכען האט ער דערזעהן א מענשליכע פיגור אויסגעשטרעקט ווי טויט איבער'ן וועג, און נעבען איהר האט ארומגעטאנצט עפעס אן אנדער מענש מיט א ברענענדען פאקעל אין האנט, מאכענדיג אונגעדולדיג מיט די הענט און רופענדיג צו הילף.

— וואס איז דא פאר א געשיכטע? — האט דער אלטער געזאגט, אראפשפרינגענדיג פון דער בריטשקע. — ווי וואס — ס'איז דו, בארנעבי? !...

דער פאקעל־טרעגער האט אראפגעשארט די האר פון זיינע אויגען און הארט פארקוקט צו גאבריעל'ן און געזיכט מיט אזא בליק וואס האט גלייך געוויזען, ווער ער איז.

— קענסט מיך, בארנעבי? — האט ווארדען געפרעגט.

יענער האט גענומען שאקלען מיט'ן קאפ, און נישט איין מאל אדער צוויי מאל, נאר א מאל צוואנציג נאכאנאנד; קענטיג, אז זיין קאפ וואלט אזוי געבליבען אין באוועגונג ווער וויסט ווי לאנג, ווען דער שלאסער וואלט נישט געוועז אויפגעהויבען א פינגער און אנגעשטעלט אויף איהם א שטרענגען בליק, וואס האט איהם געצוואונגען אויפצוהערען; דאן האט ווארדען אנגעוויזען מיט א פראגע אין זיינע אויגען אויפ'ן קערפער אויף דער ערד.

— בלוט, — האט בארנעבי שוידערענדיג געזאגט. — עס איבעלט מיך.

— ווי קומט עס אהין? — האט ווארדען געפרעגט.

— שטאל, שטאל, שטאל! — האט בארנעבי געענטפערט מיט ווילדען צארן, און האט נאכגעמאכט מיט דער האנט א שטאך מיט א שווערד.

— בארויבט? — האט דער שלאסער געפרעגט.

— יא — האט בארנעבי געענטפערט, אנכאפענדיג איהם ביי א האנט און צייגענדיג אין דער ריכטונג צו דער שטאדט.

— דער רויבער איז אוועק אהין, יא? נו, נו, דאס איז איצט נישט וויכטיג. האלט דיין פאקעל אביסעל ווייטער — אט אזוי. איצט שטעה רוהיג און לאז מיך זעהן, ווי וויט דער איז געשעדיגט.

מיט די ווערטער האט ער גענומען באקוקען דעם קערפער. וועהרענד בארנעבי איז געשטאנען מיט'ן פאקעל אין האנט און געקוקט, ווי באצויבערט פון מיטגעפיהל אדער נייגעריגקייט, און צו גלייכער צייט ווי צוריקגעהאלטען פון עפעס א געהיימען און שטארקען שרעק, וואס האט געמאכט ציטערען יעדען נערוו זיינעם.

אין דער פאזע, אין וועלכער ער איז געשטאנען, איז זיין גאנצע פיגור געווען באלויכטען, ווי אין מיטען העלען טאג. ער האט אויסגעזעהן פון א יאהר דריי און צוואנציג, הגם עטוואס מאגער, אבער גענוג הויך און פעסט געבויט. זיינע לאנגע און געדיכטע האר זענען געווען רויט און האבען צוגעגעבען זיין אומרוהיגען פנים א אונערדישען אויסדרוק, וואס איז נאך דייטליכער ארויסגעטראטען צוליעב זיין שרעקליכער בלאסקייט און גרויסע גלעזערנע אויגען, און דאך איז געלעגען א געוויסע מילדקייט און ווייכקייט אויף זיין שרעקליכען געזיכט. אבער די אפוועזענהייט פון גייסט אין א לעבעדיגען מענשען איז נאך שרעקליכער ווי אין א טויטען. — און ביי דער דאזיגער אומגליקליכער בריאה האט געפעהלט די וויכטיגסטע גייסטיגע קרעפטען.

געקליידעט איז ער געווען אין טראכטען און שמאטעס, ערטערווייז באפוצט לויט זיין אייגענער פאנטאזיע מיט פארבלאטיגטע שפיצען, צובראכענע און צופליקטע פויגעלשע פעדערען און פארשיעדענע גלאנציגע צאצקעס און גלעזלאך. ביי זיין זייט איז געווען אנגעגורט דאס הענטעל פון א שווערד אהן א קלינג און אהן א שייד.

— בארנעבי — האט דער שלאסער געזאגט נאך א קורצען באקוקען דעם קערפער, — דער מענש איז נישט טויט, נאר ער האט א וואונד אין זייט און איז פארחלש'ט.

— איך קען איהם, איך קען איהם! — האט בארנעבי אויסגעשריען. פאטשענדיג מיט די הענט.

— קענסט איהם? — האט דער שלאסער ווידערהאלט.

— שא־שא! — האט בארנעבי געזאגט, לעגענדיג א פינגער צום מויל. — ער איז געגאנגען שפילען א ליבע. איך וואלט נישט וועלען אפילו פאר א „גינע" ער זאל ווען ווידער געהן שפילען א ליעבע, ווארום אויב ער וועט, וועלען טונקעל ווערען צוויי אויגען, וואס זענען איצט אזוי ליכטיג, ווי — זעהסט, אז איך רייד פון אויגען, קוקען די שטערען ארויס. וועמעס אויגען זענען זיי? אויב זיי זענען די אויגען פון מלאכים, פארוואס קוקען זיי אהער אראפ און זעהען, ווי גוטע מענשען ווערען געשעדיגט, און זיי ווינקען בלויז און פינקלען דארט די גאנצע נאכט אדורך?

— גאט זאל זיך דערבארימען איבער דעם שוואכזיניגען חברה־מאן, — האט דער צוטומעלטער שלאסער ארויסגעמורמעלט. — זאל ער טאקע קענען דעם דאזיגען הער? זיין מוטער'ס הויז איז נישט ווייט פון דאנען; אפשר קאן זי מיר זאגען, ווער ער איז. בארנעבי, מיין יונג, העלף מיר איהם אריינלעגען אין בריטשקע, וועלען מיר פאהרען צוזאמען אהיים.

— איך קאן איהם נישט אנריהרען! — האט דער משוגענער אויסגעשריען, ציטערענדיג פון קאפ ביז די פיס — ער איז פארבלוטיגט.

— אזא טבע האט ער שוין — האט דער שלאסער צו זיך געזאגט — און עס איז גרויזאם איהם צו בעטען, וועהרענד ער האט אזוי מורא פאר בלוט. אבער וואס קאן מען טאן, אימיצער מוז מיר העלפען. בארנעבי — גוטער בארנעבי — טייערער בארנעבי — אויב דו קענסט אט דעם דזשענטעלמען, העלף מיר איהם ארויפלעגען אויף דער בריטשקע, ווארום עס געהט אום זיין לעבען און אום לעבען פון אלע, וואס ליבען איהם.

— דעק־זשע איהם צו. פארוויקעל איהם — לאמיך עס נישט זעהן — נישט שפירען — נישט הערען דאס ווארט. זאג נישט דאס ווארט — זאג נישט!

— ניין, ניין, איך וועל נישט זאגען. נא, זעהסט, ער איז צוגעדעקט. לייכטער. אט אזוי. גוט, זעהר גוט.

עס איז אנגעקומען זעהר לייכט, ווייל בארנעבי איז געווען זעהר קרעפטיג און ענערגיש, נאר די גאנצע צייט, וואס ער האט געהאלטען דעם קערפער, האט ער געציטערט, ווי אין פיבער. אין א מינוט ארום זענען זיי שוין געפארען צו דער שטאדט. אונטערוועגנס האט בארנעבי געצעהלט די שטערען אויף די פינגער, און גאבריעל האט זיך אינערליך גראטולירט דערמיט, וואס איצט האט ער צו דערצעהלען אזא געשיכטע, וועלכע וועט זיכער פארמאכען זיין ווייב'ס מויל בנוגע צו זיין באזוך אין שיינק, אויב נישט — איז נישטא קיין אמת אויף דער וועלט בכלל און ביי ווייבער בפרט.

די האנדלונג קומט פאר אין דער הויכגעשעצטער פאר־שטעדטעל קלערקענוועל, ביי לאנדאן.

מיר זאגען, אין דער פאר־שטאדט — ווייל מיט זעקס און זעכציג יאהר צוריק איז נאך קלערקענוועל געווען א פאר־שטאדט. א גרויסער טייל פון דעם איצטיגען לאנדאן האט נאך דאן נישט עקזיסטירט אפילו אין דער פאנטאזיע פון די היציגסטע בוי־ספעקולאטארען. די טראטוארען פון די גאסען אין דער פאר־שטאדט זענען געווען באפלאנצט מיט ביימער, און פיעלע הייזער האבען געהאט ארום זיך נישקשה'דיגע גערטלאך — א זאך, וואס א היינטיגער דארטיגער איינוואוינער וועט קוים גלויבען.

אויף איינער פון די דאזיגע גאסען, אויף דער ציכטיגסטער פון זיי, איז געשטאנען דאס הויז, מיט וועלכען מיר האבען צו טאן. דאס איז געווען א באשיידענע געביידע, נישט חלילה צו־ניי מאדיש, נישט איבעריג גראר, נישט גרויס, נישט הויך, נישט מיט א צו־פיעל חוצפה אין גרויסע פענסטער־אויגען — פארקערט: אביסעל א צושראקען הייזעל מיט זיטלאנדיגע פענסטערלאך און מיט א הויכען שפיציגען דאך, וואס איז געזעסען איבער'ן בוידעם־פענסטער'ל, ווי א מיצעל אויפ'ן קאפ פון אן אלטען בעל־הבית מיט איין אויג. געבויט איז עס געווען נישט פון ציגעל, אדער שטיין, נאר פשוט פון האלץ מיט לייס, און געפלאנט נישט חלילה מיט א נודנער רעגעלמעסיגקייט, נאר גאנץ פריי: קיין איינציג פענסטער איז נישט גלייך געווען צום צווייטען, קיין איינציגער טייל האט זיך נישט געפאסט צו די אנדערע טיילען און האט זיך מיט זיי נישט גערעכענט אפילו אויף א האר.

(ווערט פארגעזעצט)

Royal Ontario Museum

253 בלור סטריט וועסט
(נעבען עוועניו ראוד)
גרעסטע פערמאנענטע אויסשטעלונג אין קאנאדע.
אפען טעגליך 10 פריה ביז 7 פארנאכט
זונטאג 2 ביז 5 פארנאכט.
בלור, בעי און טשוירטש קארס
ברענגען אייך צום פלאץ.

צו זיין אן אפטימיסט־

איז גאנץ גוט. אבער עס וועט ניט פארמיידען א ניט־פאראויסגעזעהענעם עקסידענט. וועלכעס קאן אייך מאכען אומגליקליך אויף דעם גאנצען לעבען. שטיצט אייער אפטימיזם מיט האנדלונג — קריגט איינע פון אונזערע פאליסים וואס וועט אייך באשיצען געגען פערמאנענטער אונפעהיגקייט צו פארדינען און היט־אפ דעם וואויל זיין פון אייערע אפהענגיגע אין פאל פון טויט. שטעלט זיך אין פארבינדונג מיט אן אגענט פון די מאנטרעאל לייף ער וועט מיט צופרידענהייט דורכשטודירען אייער אינשורענס נויטווענדיגקייטען און אייך געבען א קאמפעטענטע עצה. שרייבט צו:

טאראנטאר ברענטש:
602 פעדעראל בילדינג
טעלעפאן עדעלייד 5441

MONTREAL
Insurance LIFE Company
„די פריינדליכע קאמפאניע"

ד"ר. י. האמילל

(ד"ר. הימעלשטיין)
דענטיסט

וועלכער איז צוריקגעקומען אין שטאדט, נאכדעם ווי ער האט גענומען א פאסט־גראדואייט קורס אין נארטוועסטערן יוניווערסיטי אין שיקאגא, אנאנסירט די ערעפענונג פון זיין נייעם אפיס אין

459 ספאדיינא עוועניו

(קארנער קאלעדזש סטריט). טעלעפאן קינגסדייל 3928

רובינ'ס אנאנסירט 40 סענטיגע מאלצייט

רעגולערע מאלצייטען סערווירט פונקט ווי ביז איצט וועלען פון היינט און ווייטער סערווירט ווערען אין

דזשיי רובינס רעסטאראן, 370 קאלעדזש סטריט וועסט

בלויז פאר 40 סענט

רובינס עסענס זענען באקאנט צו אלעמען. עס איז דער איינציגער אידישער רעסטאראן פון פרישע, געשמאקע עסענס, און היימישע געזעלשאפט.

פארגעסט אויך ניט, אז רובינס איז דער בעסטער קייטערער אין שטאדט, פאר באנקעטען, פארטים חתונות, בר מצוה'ס און סאסייטי אונטערנעמונגען. פרעגט אויב איר ווילט ביי די סאסייטיס, וועלכע איך האב געקייטערט. : — קעלצער סאסייטי, סאגיסיד לאדזשאדפעלאוס, טאראנטא אינדעפענדענט יאנג מענס „ניים אוו פיטיאנס" בני ברית און מינסקער פארבאנד. אלעס איז געקייטערט געווארען צו דער גרעסטער צופרידענהייט אין קינג עדווארד האטעל.

א ספעציעלער שעהנער פלאץ פאר אונטערנעמונגען ביי מיר אפסטערז. טעלעפאן קינגסדייל 7976

דאנקזאגונג

איך דריק אויס מיין טיעפסטען דאנק צו לאיער אי. עף. סינגער פון טאראנטע, און לאיער מעקס פינקעלשטיין פון וויניפעג, וועלכע האבען מיר פיעל צוגעהאלפען צו פארקויפען די ליקער־קאמישאנס פון אנטעריא און מאניטאבא ארץ ישראל וויין און שנאפס.

זיי האבען זיכער געטאן א גרויסע זאך פאר'ן ישוב.

יקותיאל ראפאפארט.
פארטרעטער פון דער „כרמל" וויין קא. אין ראשון לציון.

לערנט ענגליש

די ענגלישע קלאסען פאר מוטערס, וועלכע קומען פאר מאנטאג, דינסטאג און מיטוואך 2.30 נאכמיטאג, וועלען זיך היינט ווידער אנהויבען אינ'ם דזשואיש גוירלס קלוב, 44 סט. דזשארדזש סטריט.

לאנגזאם אבער זיכער

איהר זענט ניט קראנק געווארען מיט איינמאהל. עס האט גענומען צייט. ביסלאכווייז, ביסלאכווייז, האט עס אייך אריינגעטריבען אין א כראנישער קרענק, און איהר ליידעט. דארום געזונט ווערען קענט איהר אויך ניט מיט איינמאל.

ווען איהר רייבט זיך איין מיט'ן קאנגא־לינימענט ווערט איהר אויך ביסלאכווייז, ביסלאכווייז בעסער ביז איהר ווערט אינגאנצען געזונט.

ליידעט ניט פון כראנישע רהומאטיזם וועהטאגען, אדער פון שלעכטע קאלדס, רייבט זיך מיט'ן קאנגא־לינימענט. שאדען קען דאס אייך קיינמאל ניט, אבער גוטעס טאן וועט עס אייך יא.

קאנגא־סעוו און קאנגא־לינימענט איז צו באקומען ביי סינגער בראדערס (דראגיסטען) 26 קווין איסט.

פייפער הענגינג און פיינטינג

איך מאך די בעסטע דזשאבס אין פיינטינג און פייפערהענגינג, גוט און ביליג, בעסטע צופרידענהייט. טעלעפאנירט גלייך טרינִיטי W 7304.

מ. קירשענבוים, 30 קאר סטריט.

אקאונטענט־בוקקיפער

12 יאהר עקספיריענס וועט פיהרען אייערע ביכער טייל־צייט אדער אודיטען זיי. פרייזען פון 5 דאלאר מאנאטליך או העכער.

א. א. גאלדענבערג

75 האמוואוד דרייוו.
הילקרעסט W 7504

דרוק־ארבייט
„אידישער זשורנאל"

פארלאזט ניט אייערע פיס
אז איהר פיהלט א וועהטאג זעהט
באלד דעם אידישען פוס ספעציאליסט

מ. י. האפמאן

דאקטאר סערדיקעל קעראפאט.
אפיס שטונדען פון 9 ביז 5.
8 וועלינגטאן סט. איסט
טעלעפאן עלגין 5870
אוונט טעלעפאן טריניטי 7830.
M. J. HOFFMAN, D. S C.
8 Wellington St. East

הרב ריזענמאנ'ס

אדרעס איז

145 סיטאן סט.

(קארנער דאנדעס סטריט איסט)
טעלעפאן עלגין 8064
נעהמט אן דין תורות, ארביטרישאנס, און מסדר קדושין, און מסדר גיטין, אויך אלע רבנישע אנגעלעגענהייטען.

פרויען און מיידלאך

אום אויסצוזעהן שעהן, ווערט איהר גע־לארען אין דער ניי ערעפענטער

סיסעל ביוטי סאלאן

וועלכע איז ערעפענט געווארען מיט די בעסטע שעהנהייטס ספעציאליסטען אין פערמאנענט און „פינגער־ווייווס". אונזערע פרייזען זענען די ביליגסטע, און די ארבייט די שעהנסטע.

פערמאנענט ווייווס פון 4 ביז 10 דאלאר.
פינגער ווייווס בלויז 75 סענט.
מארסעל ווייווס 50 סענט.
מעניקיורס 50 סענט.
פיישלס פון 50 סענט ביז $1.50
העיר־קאטס 50 און 25 סענט.

אונזער ביוטי סאלאן גיט ספעציעלע אויפמערקזאמקייט צו אלע קאסטומער. אונזער אדרעס איז:
269 יאנג סטריט.
(צוויי טירען פון אימפיריאל טעאטער)
טעלעפאן עלגין 5926.
מרס עלען אייגענטימערין.

ליטערארישע בלעטער

די „ליטערארישע בלעטער" איז די איינציגע וואכענשריפט וועלכע שטעלט אין פארבינדונג דעם אידישען לייענער מיט דעם אידישען שאפען איבער דער גארער וועלט. פאר 4 דאלאר א יאהר באקומט איהר יעדע וואך א ליטעראריש בלאט.

ביי מיר באקומט איהר אויך ביכער פון אלע פארלאגען אין דער וועלט, צו בילינע פרייזען — אויסצוצאהלען אויף לענגערע טערמינען.

איינציגער פארטרעטער פון די „ליטעראַרישע בלעטער" פאר קאנאדע.

גרשון פאמעראנץ

358 Markham St.
טריניטי 8479.

חזן ב. וואלאדאווסקי

חיניניש־געשולטער סוירדזשען

מוהל

— אויך —
מארערנער מסדר קדושין
סוירדזשעס אין ענגליש

עלטערען פון קינדער זאלען דאך עהכען אין אנבעטראכט, ווייל דאס איז ער בענעפיט פון זייע'ע קינדער.

קאנטרי לייט קענען מיך אויך רופען צו זייערע שמחות. איך וועל קיינעם ניט אנטזאגען צו קומען.

יאוניאנג 62 בראנזוויק עוועניו.
טעלעפאן קינגסדייל 8832
ערליעסט אומזיסט.

קארפענטריי

פרייע עסטימייטס געגעבען אויף דזשענעראל קאנטראקטינג און פארשיעדענע קארפענטער ארבייט, ווי מאדערנע סטאר־פראנטס, גאראדזשעס, פרענטש טיהרען, הארדוואוד פלארינג א. ז. וו. אויך שטעלען מיר איין שעפער און אפיסעס אין אלע טריידס צו מעסיגע פרייזען.

צופרידענהייט גאראנטירט.

אויך מאכען מיר ארבייט אויסער שטאדט.

מאדערען בילדערס קאמפאניע
7 דאס סטריט
טעלעפאן טריניטי 9025.

פאטראנייזט די איינציגע אידישע ווינדאו קלינינג קאמפאני

NEW YORK WINDOW CLEANING CO.

מיר אטענדען צו אלערהאנד הויז פעקטארי אפיס און סטאר קלינינג בעסטע ארבייט צו די בילינסטע פרייזען. מיר מאכען קאנטראקטען מאנאטליך, און יעהרליך. 422 בעי סטריט. טעלעפאן עדלייד 8087 נאך 7 אוונטען טריניטי M 6520

NEW YORK WINDOW CLEANING CO
422 BAY ST

פארלאנגט

א יונגע נוירס, נעהמט אן אלערליי נוירסינג אין דער היים. אדער האספיטאל. טריניטי 9584. ***

א דייטשע פרוי פארלאנגט צו קלינען א פול רום פרעגען 216½ מענינג עוועניו טעלעפאן טריניטי W 1883.

2512-1-21

פארלאנגט גוטע היימס מיט באארד פאר בייבים און עלטערע קינדער. זיך גלייך מעלדען צו דער פעדריישאן 179 בעווערלי סטריט.

156-1-20

פארלאנגט צו קויפען סטיישאנערי ביזנעס מיט רומס. מוז זיין אין גוטען געגענד. פאר אלע איינצעלהייטען שרייבט זשורנאל באקס 141.

2555-1-19

צו פארדינגען

צו פארדינגען צוויי רומס מיט אלע קאנוויניענס ביליג רענט. פרעגען 675 ריטשמאנד סטריט וועסט. עדלייד 3527.

2549-1-19

צו פארדינגען

א שעהנע פאסיגע האל פאר מיטינגען, לעקציעס, באנקעטען און פארטיס, שעהן דעקארירט און אין אידישען געגענט. פרעגען ש. קאפלאנסקי, 26 סיסעל סטריט, פארבאנד אינסטיטוט, טעלעפאן טריניטי 3040. 1—20

צו פארקויפען

צו פארקויפען אלערליי שעהנסטע קינדערשע קאוטס. סייזעס פון 3 ביז 12 יאהר.

פאר בארגיינס קומט אין 591 דאנדעס סטריט וועסט.

2472-1-30

צו פארקויפען גוט געהענדיגע דעליקאטעסען קען מאכען א שעהן אורזאכע קען ניט אטענדען. פרעגען 562 דאנדעס וועסט.

2538-1-19

גרויסער בארגיין. א בעקער ביזנעס מיט פראפערטי. אלע נויטיגע מאשינערי מיט א גוטען ראוד. ווערט געבאקען 25 זעק מעהל א וואך. קאמפליט 25 הונדערט דאלאר. פרעגען 40 קענזינגטאן עוו.

2570-1-20

צו פארקויפען 8 רומיגע הויז הארדוואוד פלארס, אלע קאנוויניענס, ראבערט סטריט, נעבען בלור. טריניטי 6185.

2568-119

קארפענטער

דזשענעראל קאנטראקטאר
אלערליי קארפענטער ארבייט.
פעקטארי און סטאר ארבייט
אלעס ביליג

א. נעלמאן

989 דאנדעס סטריט וועסט
טריניטי 3934.

לעסאנס אין ענגליש

א סטודענטין פון אוניווערזיטעט גיט לעקציעס אין ענגליש — פאר אנפאנגער ווי פאר אדוואנסד שילער — מעסיגע פרייזען —

טעלעפאנירט:
דזשאנקשאן!
2018
שולמית ריינווין

שפייז פעקלאך אייערע קרובים אין רוסלאנד

הפצ האט ארגאנזשירט אין יוראפ פארבינדונגען צושטעלען זיבער שנעל און ביליג שפייז פעקלאך אין יעדען שטעדטעל אין רוסלאנד. אויסוואהל פון אלערליי שפייזען. ביליגע פרייזען. פרישע שפייזען געפאקט אין יוראפ.

קומט, שרייבט, טעלעפאנירט:

הפצ,ס שיפס קאנטאר
DOMINION TICKET OFFICE

143 קווין סט. וועסט
(עדלייד 5971)

געלט געשיקט. — שיפסקארטען, אינשורענס, מארגיידזשעס. — סיטיזען פייפערס.

נייעס ביי אונז אין שטאדט

ווייסען ניט פון די טעות'ן

די לעצטע נייעסען פון צעהלען די מעיאר שטימען זענען, אז די ריטוירנינג אפיסערס זענען שולדיג אין א סך טעות'ן, און אבוואהל די טעות'ן זענען ניט אזעלכע וואס קענען ענדערען דעם וואהל רעזולטאט, צייגט זיך אבער ארויס, אז זיי זענען באגאנגען אונרעגעלמעסיגקייטען ביים צעהלען די שטימען.

שבת בייטאג זענען געבראכט געווארען אין קאורט די באאמטע וועלכע האבען געהאט די אויפזיכט ביים צעהלען די שטימען אין וואָרד פיער און אכט, און זיי האבען ניט געקענט געבען קיין צופרידענשטעלענדע ענטפערס.

דער ריכטער האט זיי פרובירט שטעלען פראגען וועגען די וואהל צעטלען, אויף וועלכע ער האט ערווארטעט אן ענטפער, זיי האבען אבער בלויז געפלאפלט און ניט געקענט צופרידענשטעלען דעם ריכטער.

עס ווערט איצט רעקאמענדירט, אז אין יעדען סוב־דיוויזשאן וואו די טעות'ן זענען געמאכט געווארען, זאל דער ריטוירנינג באאמטער ארונטערגעזעצט ווערען פון זיין אמט, און זאל מעהר די שטעלע ניט פארנעהמען.

עס ווערען אויך צוגעגרייט א רייהע רעקאמענדאציעס, וועלכע וועלען איבערגעגעבען ווערען צום סיטי קלוירק סאמערס דורכצופיהרען אזוי שנעל ווי דאס איבערצעהלען די מעיאר שטימען וועט זיין פארענדיגט.

האבען א בודזשעט פון מעהר ווי פיער מיליאן פאר ארבייט

פיער מיליאן דריי הונדערט און אכציג טויזענט דאלאר, איז דער באשטימטער בודזשעט פון דער היידרא עלעקטריק קאמישאן, צו בויען נייע עלעקטריק ליינס היינטיגען יאר.

די סומע וועט אויסגעגעבען ווערען בלויז פאר ארבייט אין אנטעריא. אזא באקאנטמאכונג איז שבת געגעבען געווארען צו די צייטונגען. און אבוואהל די ארבייטס פלענער זענען נאך ניט פארעפענטליכט געווארען, גלויבט זיך אבער, אז די ארבייט וועט זיך גלייך אנהויבען, און דאס מיינט פארלייכטערען אביסעל דעם קריזיס, און געבען באשעפטיגונג צו פיעלע ארבייטער.

בני ברית אינסטאלירען היינט באאמטע

אין קינג עדווארד האטעל וועלען היינט אווענט אינסטאלירט ווערען די ניי ערוועהלטע באאמטע פאר היינטיגען יאר.

די אינסטאלירונג קומט פאר ביי א באנקעט וועלכער וועט סערווירט ווערען אין דעם קריסטאל באל רום.

פארהייראטע שקלאפען אין סטענדערד טעאטער

אין סטענדערד טעאטער ווערט היינט אווענט געגעבען א טעאטער פארשטעלונג, עס ווערט אויפגעפיהרט די פיעסע „פארהייראטע שקלאפען", מיט דער מיטווירקונג פון דער גאנצער האלענדער טרופע.

דרייווער געטויטעט אין אן עקסידענט

דירג ריינאלד, 31 יאר אלט, א טראק דרייווער, איז געטויטעט געווארען, און זיין באגלייטער איז שווער פארוואונדעט געווארען, ווען דער טראק וועלכען ער האט געטריבען האט זיך צוזאמענגעשויסען מיט אן אויטאמאביל.

דער טראק דרייווער האט געזוכט צו פארמיידען אן עקסידענט, און ער איז דערפאר ארונטער פון וועג, זיך אנגעשלאגען אין א בוים. ער איז ארונטערגעווארפען געווארען פון טראק און איז געטויטעט געווארען.

א רייהע אנדערע אויטאמאביל עקסידענטען האט פאסירט אין לויף פון שבת און נעכטען, פון וועלכע מעהר ווי צוואנציג פערזאן געפינען זיך אין די היגע האספיטאלס מיט שווערע וואונדען.

זעקס יונגע חברה זענען געפאהרען אין אן אויטאמאביל אויף דאנדעס סטריט, און צוקומענדיג צום נומער 2509 האט די קאר זיך א דרעה געטאן, און אלע זענען פארוואונדעט געווארען.

די שווער פארוואונדעטע זענען: דזש. דייל, 16 יאר אלט; גארדאן מעי, 17 יאר אלט, און קארל לאנג, אין דעם זעלבען עלטער.

די דריי געפינען זיך אין דזשענעראל האספיטאל אין א קריטישען צושטאנד.

א מאנגעל אין בחורים

אין פאליס קאורט זענען שבת בייטאג ערשינען די צוויי שוועסטער העלען און דארים מעקניעל, אויף דער קלאגע אז זיי האבען זיך צושלאגען און געמאכט א טומעל, אז די שכנים האבען ניט געקענט שלאפען.

זיי האבען זיך אויסגערעדט זייערע הערצער פאר דער ריכטערין, און נעבאך דערצעהלט, אז זיי האבען זיך צופאטשט צוליעב א חתן.

די עלטערע האט געבראכט איהר בחור אין הויז, און האט געדאנקט גאט וואס ער האט איהר ביים איצטיגען קריזיס צוגעשיקט א לייטישען חתן, איז געקומען די אינגערע און איהם פרובירט קירנעפען פאר זיך.

א ווארט פאר א ווארט, די צוויי שוועסטער האבען זיך צופאטשט ווי געהעריג, און זענען איצט גרייט צו טויטען איינע די אנדערע פאר דעם שטיקעל חתן וואס זיי האבען.

די ריכטערין האט זיך נעבאך געפונען אין א מאדנער לאגע, ווייל דאס געזעץ זאגט ניט, וואס עס קומט צו א שוועסטער פאר פרובירען פלוירטען מיט א שוועסטער'ס חתן. אזוי אז זי האט געהאלטען א מוסר דרשה פאר די צוויי צופאטשטע מיידלאך, און זיי פארזיכערט, אז דערווייל איז נאך אין שטאדט ניט קיין מאנגעל אין אזא זאך ווי חתנים, און אויב א מיידעל האט שכל קען זי קריגען א חתן, אז זי זאל זיך ניט דארפען שלאגען, און געהייסען די צוויי שוועסטער זיך איבערבעטען.

ווי לאנג דאס פריינטשאפט וועט אנהאלטען איז ניט באוואוסט.

איז געשפרונגען פון בריק צום טויט

די פאליציי צוזאמען מיט'ן טשיעף קאראנער זענען פארנומען זוכענדיג אויסצוגעפינען ווער עס איז דער אומבאקאנטער מאן וועלכער איז שבת 4 אזייגער נאכמיטאג באגאנגען זעלבסטמארד.

דער מאן זעהט אויס אין עלטער פון 55 ביז 60 יאר. ער איז ארונטערגעשפרונגען פון בלור סטריט ווייעדאקט אין דער אנוועזענהייט פון צעהנדליגער פארבייגעהער, וועלכע האבען ניט ערווארטעט אז דער מאן וואס האט זיך דארט ארומגעדרעהט זאל באגעהן זעלבסטמארד.

אין די קעשענעס פון זעלבסטמערדער איז ניט געפונען געווארען קיין זאך וואס זאל באשטעטיגען ווער ער איז.

עלטסטער איטאליענער טויט

שפעט שבת ביינאכט איז געשטארבען ר. פעראנא, אן איטאליענער, וועלכער האט אפגעלעבט הונדערט מיט זיבען יאר.

דער פארשטארבענער האט געוואוינט אין 204 בעלוואודס עוועניו, און איז געקומען אין קאנאדע ווען ער איז בלויז אלט געוועזען 50 יאר. ער האט אין לויף פון דער צייט ניט געקענט ריידען א ווארט ענגליש.

דער 62 יעריגער זוהן ביי וועמען ער האט געוואוינט האט דערצעהלט, אז זיין פאטער איז ביי זיין לעבען ניט קראנק געוועזען, און קיינמאל ניט געהאט קיין דאקטאר אין הויז.

זיין פרוי איז געשטארבען מיט 11 יאר צוריק, אין עלטער פון 99 יאר.

ער לאזט איבער פיער דורות קינדער.

פאלקס פאראיין נייעס

(פארזעצונג פון פיידוש 1)

ניי באאמטע ערוועהלט

די ניי־ערוועהלטע באאמטע פון פאלקס פאראיין פאר קומענדען יאר זענען:

דייוו ווילסאן, פרעזידענט.
אברהם שער, עהרען־פרעזידענט.
א. ווייספילד, י. וויינער, מ. בראנשטיין און מרס. גרינבערג, וויצע־פרעזידענטען.
הערי טייט, קאסירער.
לאיער מ. ניומאן, ליגעל אדוויזער.

די עקזעקוטיוו באארד באשטעהט פון: מ. קארן, מ. מעקס, י. ראס, מ. האנדעלמאן, ה. בלעכמאן, ד. גרין, ה. וויינער, ט. מאנדעלבוים, מרס. ווינטער, מרס. שער, מרס. ליטשמאן, מר. מ. פעלדמאן, י. שפיגעל, מ. וועקסלער, און דער געוועזענער פרעזידענט סעם לענט.

עס איז אויך ערוועהלט געווארען אן עקזעקוטיווע פון 30 פערזאן.

דער פינאנציעלער באריכט

דער פינאנציעלער באריכט איז געגעבען געווארען פון פערלמוטער און פייפערניק, געטשארטערטע אדיטארס, וועלכע האבען אונטערזוכט די ביכער אין די לעצטע עטליכע טעג.

די איינגאמע איז געוועזען 21,542.48 דאלאר. דאס איז אריינגעקומען דורך מיטגלידער אפצאהל, קאמפיין געלט און ביישטייערונגען.

די אויסגאבען זענען געוועזען 21,492.49 דאלאר, אזוי אז דער פאלקס פאראיין האט געארבייט אהן א דעפיציט און זיך אפגערופען אויף אלע נויטען און הילפס רופען פון פאראיין.

האבען צוריקגעוויזען דעם סעקרעטאר'ס רעזיגנאציע

נאכ'ן באריכט האט ל. מ. קירשענבוים, וועלכער איז שוין צעהן יאר סעקרעטאר פון פאראיין, רעזיגנירט פון זיין אמט, ערקלעהרענדיג אז לעצטען יאר איז געוועזען צופיעל מחלוקה און טענות צו איהם, און ערגלויבט, אז צוליעב איהם דארף קיין מחלוקה ניט זיין.

די מיטגלידער האבען אויסגעדריקט זייער צוטרויען צום סעקרעטאר, און צוריקגעוויזען זיין רעזיגנאציע.

אברהם שער באדאנקט

אברם שער, וועלכער איז געוועזען 11 יאר פרעזידענט פון פאראיין, און וועלכער איז ערוועהלט געווארען אין מיטען יאר, כדי אנצוהאלטען דעם פאראיין'ס ארבייט, איז הארציג באדאנקט געווארען פאר זיין גוטער ארבייט פאר'ן פאלקס פאראיין, און איז איינשטימיג ערוועהלט געווארען אלס עהרען־פרעזידענט.

די פארזאמעלטע האבען איהם געמאכט א לאנג דויערענדע אוואציע.

שלעכטע צייטען האבען ניט געשטערט דעם וואוקס פון לארד און טאמאס און לאגאן

אונטער דער דאזיגער קעפעל האט בי. סי. פארבס, פון פארבס מעגעזין געשריבען אן ארטיקעל אין א צייטונג וועגען דער דאזיגער דערפאלגרייכער אדווערטייזינג פירמע.

אין דעם ארטיקעל ווערט צווישען אנדערש געזאגט:

"ווי געפעלט אייך אזא דערגרייכונג אין ביזנעס? אין 1928 האבען מיר געטאן געשעפטען אויף דרייסיג מיליאן דאלאר; אין יאהר 1929 — 40 מיליאן דאלאר און אין 1930 איז עס געשטיגען צו פופציג מיליאן דאלאר.

דאס איז א מערקווירדיגער רעקארד פון לארד טאמאס און לאגאן, אדווערטייזינג אגענטור, אנגעפיהרט פון אלבערט ד. לאסקער, וועלכער האט אנגעפאנגען מיט דער דאזיגער פירמע מיט 33 יאהר צוריק פאר צעהן דאלאר א וואך, און איז איצט דער רייכסטער אדווערטייזינג מאן אין דער וועלט.

עס איז א גרויסע דערגרייכונג פאר א פירמע צו פארגרעסערען איהרע געשעפטען אויף 25 פראצענט אין אזא שלעכטען יאהר ווי 1930.

ווי אזוי האט עס מר. לאסקער געטאן? אט וואס ער דערקלעהרט: "מיר קלייבען אויס צו ארבייטען בלויז פאר קלוגע מענשען; מענשען וועלכע וואלטען געווען דערפאלגרייך אן אונז. אלע אונזערע קליענטען האבען פאקטיש לעצטען יאהר געטאן מעהר ביזנעס ווי אין יאהר 1929. כאטש פארשטעהט זיך דער ס"ה פון דעם געלט איז אין איינינע פאלען געווען א קלענערער צוליעב דעם פאל אין פרייזען."

"סיידען א קליענט האט אין זיינע ביזנעס די מעגליכקייטען צו מאכען עס שטייגען, די עלעמענטען פון דערפאלג, אנדערש זיינען מיר ניט פאראינטערעסירט צו הענדלען זיינע אדווערטייזינגס. אויב אונזערע קליענטען וואלטען ניט געוואקסען און וואלטען ניט געווען דערפאלגרייך. דערפאר זיינען מיר פארזיכטיג אויסצוקלייבען בלויז אזעלכע פירמעס, וועלכע האבען אין זיך לידערשיפ, אויסזיכטען און קוואליטעטען".

"אונזערע קליענטען האבען געוועהנליך אויסגעגעבען מעהר געלט אין שלעכטע צייטען ווי אין גוטע צייטען, ווייל זיי קאנען געהן בעסער פאראויס איידער זייערע קאנקורענטען. אט דאס האט פאסירט אין יאהר 1930.

"איך קאן איי. די. פאר צוואנציג יאהר און מיין אנאליז איבער איהם איז, אז ער איז א גרויסער געשעפטסמאן. זיין אומפארגלייכבארער דערפאלג איז ניט קיין צופאל."

וויליאם פינדלעי, פון טאראנטא, איינער פון די וויצע־פרעזידענטען, און א דירעקטאר פון לארד און טאמאס און לאגאן, וועלכער האט דעם אויפזיכט אויף דער אגענטורס קאנאדער ענינים, באריכטעט א ממשות'דיגע פארגרעסערונג אין דער פירמעס ביזנעס אין קאנאדע אין 1930.

"עטליכע פון אונזערע אדווערטייזערס האבען גענאסען פון זייער גרויסע סיילס אין 1930", — האט געזאגט מר. פינדלעי. "דאס זיינען פירמעס וואס האבען אנגעהאלטען אדער פארגרעסערט זייער סכום אדווערטייזינג און וועמעס סיילס ארגאניזאציעס עס האבען אריינגעגעבען פרישע ענערגיע אין זייער ארבייט. זיי האבען איבערצייגט, אז אינדוסטריע און אדווערטייזינג שטייגען איבער קאמפעטישאן, ניט אכטענדיג דעם צושטאנד פון געשעפטען".

די קליענטען פון לארד און טאמאס און לאגאן אין קאנאדע, אלס א גרופע, פארבארייטען פלענער צו פארגרעסערען זייערע אדווערטייזינגס אין 1931.

האבען שוין געגעבען 11,500 מאלצייטען

זייט דער פרייער רעסטאראן אין 872 קווין וועסט איז ערעפענט געווארען, איז שוין דארט סערווירט געווארען עלף טויזענט מיט פינף הונדערט מאלצייטען.

לויט אן ערקלעהרונג פון די טוער פון יענעם רעסטאראן, פארגרעסערען זיך טעגליך די צאהל עסער, וועלכע ערקלעהרען, אז זיי הונגערען אזוי לאנג אז די כוחות געהען זיי אויס, און ערשט ווען זיי האבען ניט קיין אנדער ברירה, באשליסען זיי צו געהן אין פרייען רעסטאראן.

קענט איר
קאנאדע
???
ווייסט איר די געשיכטע פון די קאנאדער אידען?

באקענט זיך מיט אייער היים, און מיט דער געשיכטע פון די אידען אין אייער יעצטיגער היים, לייענענדיג פאלגענדע צוויי ביכער פון א. ריינוויין.

1. קאנאדע און איר געשיכטע
(פרייז 75 סענט)
2. דער איד אין קאנאדע

2 בענדער געבונדען צוזאמען (פרייז $2.00)
צו באקומען אין אפיס פון
„זשורנאל"

פאר $200 ...
קענט איר דאס באקומען?

פאר $200 וואס ווערט יערליך אינוועסטירט, קאן א יונגערמאן קאפיטאליזירען זיין יוגענטליכע ענערגיע און זיך צוגרייטען געהעריג פאר אלערליי לעבענס־צופאלען דורך דער סאן לייף עשורענס קאמפאני אף קענעדע.

3 גרויסע בענעפיטס
1. איצט $10,000 באלדיגע פראטעקציע
און
2. אין עטליכע יאר ארום — $10,000 אין "פעיד־אפ" עשורענס, אריינברענגענדיג דיווידענדס.
אדער
3. אין די מיטעלע יארען — $10,000 אין קעש.

ער קען זיך איינשאפען פאר זיינע אפהענגיגע באלדיגע פראטעקציע פון $10,000, וואס ווערט פארגרעסערט יערליך נאכדעם דורך אנזאמלענדע דיווידענדס. דיזער $10,000 עסטייט ווערט געשאפען באלד מיט'ן ערשטען איינצאל. דער פארזיכערטער קריגט דערביי מאקסימום פראטעקציע פאר זיין פאמיליע אויף א מינימום קאסט אין א צייט ווען פראטעקציע איז שטארק נויטיג.

אין עטליכע יאר ארום קאן ער אויפהערען צאלען, נעמען די "פעיד־אפ" פאליסי פאר $10,000, און דערנאך באקומען רעגולערע דיווידענדס ביז'ן טויט און די פולע סומע פון $10,000 איז נאך צאלבאר פאר זיינע אפהענגיגע.

אין די מיטעלע יארען (אויב ער האט ניט אויסגעקליבען דעם פריער־דערמאנטען פלאן) וועט ער קאנען באקומען $10,000, וואס ווערט אומגעקערט ווערען א סך א גרעסערע סומע ווי די, וואס ער האט איינגעצאלט. דיזער אינוועסטמענט סעטלמענט קומט אין א צייט ווען דאס אויפהאלטען זיך אליין און די פאמיליע ווערט וויכטיגער ווי פראטעקציע.

די אויבערשטע פאליסי, ווי אלע סאן לייף פאליסעס, קאנען אויסגעצאלט ווערען ווען זיי ווערען פעליג, אין מאנאטליכע אינסטאלמענטס דורך עטליכע יאר, אנשטאט די גאנצע סומע.

SUN LIFE ASSURANCE
COMPANY OF CANADA
הויפט אפיס — מאנטרעאל

פאר וויטערע איינצעלהייטען פילט אויס און שיקט צו דעם בייגעלעגטען קופאן: —

סאן לייף עשורענס קא. אף קענעדע,
מאנטרעאל, קענעדע.

אהן שום פארפליכטונג פאר מיר, ביטע שיקט מיר פולע איינצעלהייטען וועגען אייער $100־א־מאנאט־דאס־גאנצע־לעבען פלאן, ווי עס איז אנגעגעבען אין אייער אדווערטיימענט אין „זשורנאל".

נאמען (מר., מרס. אדער מיסס) ____________
אדרעס ____________ שטאדט ____________

לאמיר עפעס קויפען

אויב איר ווילט א סוף מאכען צום קריזיס;
אויב איר ווילט אז ארבייטער זאלען האבען ארבייט;
אויב איר ווילט אז ביזנעסלייט זאלען האבען קונים –

לאמיר עפעס קויפען!

עס מאכט נישט קיין אונטערשיעד וואס: קויפט א העט, קויפט א סוט, קויפט א פאר שיך, קויפט א פאר זאקען, קויפט פורניטשור, קויפט א ראדיא, קויפט אן אויטאמאביל, קויפט א לאמפ — עס מאכט נישט אויס וואס — קויפט עפעס!

וואס איהר וועט נאר קויפען, וועלען ארבייטער דאס דארפען מאכען — וועלען ארבייטער האבען ארבייט . . . און וועלען קריגען ווידזשעס . . . און זיי וועלען מיט זייערע ווידזשעס קענען קויפען דאס וואס איהר מאכט אדער וואס איהר פארקויפט.

לאמיר עפעס קויפען! און קויפט עפעס היינט!

קויפט עפעס מארגען! קויפט עפעס איבערמארגען!

און עס וועט ניט נעהמען לאנג ווי די רעדער פון דער אינדוסטריע וועלען זיך אנפאנגען דרעהען, ווי ביזנעס וועט אנפאנגען בליהען. — דאס געלט וואס איהר וועט היינט אויסגעבען וועט צוריק קומען צו אייך מיט פראצענט — קויפט עפעס!

אין וואס ביזנעס נויטיגט זיך איצט איז אין קאסטאמער -- און אסך קאסטאמער!

לאמיר עפעס קויפען!

קויפט ביי די, וועלכע אדווערטייזען אין "זשורנאל" — טאראנטא'ס איינציגע אידישע צייטונג.

THE HEBREW JOURNAL
דער אידישער זשורנאל
THE HEBREW JOURNAL
PUBLISHED BY
JOURNAL PRESS, LIMITED
The Only Daily Jewish Newspaper in the Province of Ontario
542 DUNDAS ST. WEST. Telephone Trinity 6830-6831
M. Clavir, Pres. and Gen. Mgr.
Subscription Rates: $6 PER YEAR $3.50 SIX MONTHS
Single Copy—3 cents
Entered as Second Class Mail Matter at C. P. O., Toronto, January 22nd, 1913

די פאליטישע וואך

דאס מזל האט זיך פלוצלונג אפגעקערט פון דער פעלקער־ליגע, און יעצט ערב דער דערעפנונג פון איר ראט־זיצונג אין זשענעווא, לעבט די ליגע דורך א קריזיס. דר. יוליוס קארטיוס האט געלאזט וויסען, אז אויב די פראגע פון דער דייטשער מינאריטעט אין פוילען וועט ניט געלעזט ווערען צו גונסטען דייטשלאנד, וועניגסטענס מאראליש, וועט עס מיינען אז דייטשלאנד וועט זיך מוזען צוריקציען פון דער פעלקער־ליגע.

און אין זשענעווא רעדט מען ניט נאר וועגען דייטשלאנד'ס באשלוס, נאר אויך וועגען דעם, אז אין דער פעלקער ליגע קומט בכלל פאר אן איבערגרופירונג, און אז עס בילדען זיך צוויי שארפע צדדים, איין צד וואס נעמט אריין אין זיך די אייראפייאישע מלוכות, און דער צווייטער צד, וואס באשטייט פון ניט־אייראפייאישע מלוכות. און דער קאמף צווישען די צוויי צדדים איז הויפטזעכליך אן עקאנאמישער, האבענדיג צו טאן מיט טאריף און אימפארט.

קומט פאר דער קאמף אין דער פעלקער־ליגע גופא, און אויך אין אירע אפטיילונגען, אדער אפצווייגונגען, ווי די אנטוואפנונגס־קאנפערענץ. רוסלאנד האט לעצטע וואך צוגעשיקט א נאטע צו א צאל מלוכות, אין וועלכען זי לאזט וויסען, אז אזוי ווי דער פרעזידענט פון דער קאנפערענץ איז פארטייאיש (דזשענקיר לאודאן פון האלאנד), פאדערט זי דעריבער, אז דער קומענדער פרעזידענט זאל דערוויילט ווערען ביי אן אפענער קאנפערענץ־זיצונג, און ניט דורך אנדערע קאמבינאציעס, ווי ביז יעצט. און אויך אז דאס זאל זיין א פערזאן אן שום פאראורטיילען.

האט רוסלאנד יעצט אריינגעווארפען א שטיין אין דער אנטוואפנונגס־קאנפערענץ, און אויך אין דער פאן־אייראפייאישער באוועגונג.

אונטער'ן פארזיץ פון אריסטיד בריאן דארף זיך עפענען אין זשענעווא די קאמיטעט־זיצונג פון פאן־אייראפא. און די מאסקווער „פראוודא" איז דעריבער ארויס מיט אן אטאקע, אז די גאנצע געשיכטע איז ניט מער ווי א פראנצויזיש־דיפלאמאטישע מאנעוורע, צו פארשטארקען פראנקרייכ'ס העגעמאניע איבער אייראפע.

אבער רוסלאנד איז ניט די איינציגע געגנערין פון פאן־אייראפא. די גאנצע פאן־אייראפייאישע באוועגונג, וועלכע האט אנגעהויבען אזוי שען מיט עטליכע יאר צוריק, האט לעצטענס פארלוירען א סך פון איר גלאנץ.

* * *

„אונטערוואָרפען צו געוויסע פראוויזיעס, וועט די פאראנטווארטליכקייט פאר דער פעדעראלער רעגירונג אין אינדיע זיין, אין דער צוקונפט, די זאך פון אינדישען פאלק גופא" — דאס איז געווען דער הויפט־שטריך אין לארד סענקי'ס באריכט פון לעצטער וואך וועגען דער קומענדער קאנסטיטוציע פאר אינדיע, אלס רעזולטאט פון די רונדע־טיש קאנפערענצען, א באריכט וואס איז סוף וואך אנגענומען געווארען. און וואס באשטייט אין זיינע הויפט־שטריכען אין א מין רעגירונגס־פארם, וואס איז א געמיש פון דעם ענגלישען רעגירונגס־סיסטעם, און די אמעריקאנישע סיסטעם, מיט דער עקזעקוטיווער מאכט אין די הענט פון דעם גאווערנאר־דזשענעראל.

גייט איין דאגה ארונטער פון קאפ ביי דער ענגלישער ארבייטער־רעגירונג, אבער עס בלייבט נאך ירושה פון דער וואך דער קוילען־סטרייק, וועלכער וועט זיך פיעלייכט היינט ענדיגען, דער לאקאוט פון די לענקעשייר וועבער, עקס־פרעמיער'ס באלדווין צוגרייטען זיך צו נייע וואלען, און דער נייער וואל־קאמף געזיען פאר עלעקטאראלע רעפארם, וואס די קאנסערוואטיוון וועלען באקעמפען, און די ליבעראלען אונטערשטיצען.

* * *

לאנג געווארט, אבער דאך זיך דערווארט.

און ענדליך האבען שוין די אראבער פארטיג געמאכט זייער ענטפער אויפ'ן „ווייסען פאפיער". און זיי פאדערען די אלטע געשיכטע — אפשאפען די באלפור דעקלעראציע און דעם מאנדאט, שטעלען די אידישע אימיגראציע אונטער'ן קאנטראל פון אראבישע בעאמטע, פארבאטען דעם פארקויף פון לאנד, א. א. וו.

דערמאנט עס אין דער געשיכטע מיט יענער אידענע אין שלום עליכם'ס דערציילונג „דאס טעפעל". וואס דארף מען אנגעבען פארשידענע תירוצים, אז עס קען גילטען נאר איין תירוץ — אז זי האט קיין טעפעל גאר ניט געליען. ווארום דארפען די אראבער ארויסשטעלען א סך פאדערונגען, ווען איינע קען אויך זיין גענוג — בטול מאכען די דעקלעראציע מיט'ן מאנדאט.

האבען מיר לעצטע וואך געהאט אפענע שנאה מצד די אראבער, האבען מיר אבער דערפאר געהאט א מין ליעבעס־דערקלערונג פון דזשאזעף סטאלין, וועלכער האט אין אן אינטערוויו דערקלערט, אז אנטיסעמיטיזם איז אן איבערבלייבאכץ פון דער צייט פון קאניבאליזם.

איז די דאזיגע פריינטליכע שטימע געקומען פון רוסלאנד, און פון אן אנדער סלאווישע לאנד — בולגאריע, איז געקומען אן אפענע איינלאדונג צו אידען, איינצואוואנדערען אין בולגאריע.

סטאיאן אמארטשעווסקי, א מיטגליעד פון בולגארישען פארלאמענט און א געוועזענער מיניסטער, האט דורך דער „איטא" דערקלערט: —

„כאטש דאס בולגארישע פאלק ליידט איצט עקאנאמיש צוליעב די גרויסע לאסטען פון די מלחמה רעפעראציעס, זענען מיר גרייט אויפצונעמען די פארפאלגטע אידען פון רומעניע און פוילען, כדי אונז צו העלפען אויפבויען די אינדוסטריען אין אונזער לאנד. ביי אונז איז ניט פאראן דער אנטיסעמיטיזם, וואס הערשט איצט כמעט אין אלע לענדער פון אייראפע. די פופציג טויזענט אידען וואס וואוינען אין בולגאריע געניסען פולשטענדיג פון בירגערליכער פרייהייט און גלייכהייט. מיר זענען גרייט אויפצונעמען נאך אידען, וועלכע זאלען, מיט זייער אונטערנעמונגס־גייסט, העלפען אויפבויען אן אינדוסטריע אין אונזער אגריקולטור־לאנד, און ספעציעל צו שאפען א קליידער־אינדוסטריע, צו וועלכער די אידען זענען אזוי צוגעפאסט. מיר וועלען אבער ניט מאכען קיין שום באדינגונגען פאר די אידישע איינוואנדערער. זאלען זיי קומען און זיך באשעפטיגען מיט דעם, וואס זיי האלטען פאר פאסיג. מיר וועלען זיי גאראנטירען פולשטענדיגן שוץ פון רעליגיעזער פרייהייט און די רעכט פאר זייער קולטורעלער דערהאלטונג".

אין א צייט, ווען די טויערן פאר אידען ווערען אלץ מער פארהאקט, איז די דאזיגע פריינטליכע איינלאדונג זיכער אן אויסנאם.

די סאבמארין אלס צוקונפטיגע טראנספארטאציאנס מיטעל

א מיינונג פון דעם בארימטען ערפינדער פון דער מאדערנער אונטערוואסער שיף.

עס וועט גאר ניט נעהמען לאנג און די סאבמארין, די אונטער־וואסער שיף, וועט אנפאנגען שפילען א גאר גרויסע ראלע אין אונזער קאמערציעלען לעבען — דאס איז די פאראויסזאגונג וואס עס מאכט סיימאן לייק, אין אן ארטיקעל, וואס מיר לייענען אין דעם נעכטיגען „לעדזשער".

אום צו באגרייפען וויפיעל געוויכט מען קען לייגען אויף אזא באהויפטונג, איז גענוג צו געדענקען, אז סיימאן לייק איז דער בארימטער דעזיינער און בילדער פון סאבמארינס. אינדירעקט איז ער אפילו געווען פאראנטווארטליך דערפאר, וואס די סאבמארין האט געשפילט אזא גרויסע ראלע אין דער וועלט מלחמה און האט געזונקען אזוי פיעל שיפען, אומגעבראכט אזוי פיעל מענשליכע לעבענס. מיט איין ווארט, האט צוגעגעבען דער וועלט מלחמה אזוי פיעל גרויל, אזוי פיעל שרעק און אזוי פיעל ברוטאליטעט.

ווען די סאבמארין האט אנגעפאנגען באנוצט ווערען פון די דייטשען אלס א קאמפס מיטעל אין דער מלחמה און האט די עלאירטע נייעוויס אנגעטאן אזוי פיעל צרות, האט מען געדיינקט, אז דאס איז געווען דער אויפטו פון די דייטשע וויסענשאפטסלייט, אז זיי איז דאס געלונגען צו אנטדעקען דעם אונטער־וואסער־דיגען מחבל. גאר ווייניגע האבען געוואוסט, אז מען האט פשוט אריינגענארט סיימאן לייק אין א פאסטקע און ביי איהם צוגע'גנב'עט זיין ערפינדונג.

באלד נאך דער רוסיש־יאפאנעזישער מלחמה, האט לייק געזוכט צו פאראינטערעסירען די רוסישע רעגירונג אין זיינע סאבמארינס. ער האט אהין געבראכט זיינע א סאבמארין זי דעמאנסטרירט פאר דעם רוסישען צאר און זיינע מיניסטארען, מיט דער האפנונג צו קריגען צו בויען פאר איהר סאבמארינס.

ביי די פארהאנדלונגען און דעמאנסטראציעס האבען זיך אויך געפונען פארשטעהער פון דער דייטשער רעגירונג און פון די קרופ פאבריקען; עס האט געזאלט הייסען, אז אויך דייטשלאנד איז פאראינטערעסירט אין דער סאבמארין. די פארהאנדלונגען האבען זיך געצויגען ווי פון פעך, מען איז צו קיין טאלק ניט געקומען ביז עס האט אויסגעבראכען די וועלט־מלחמה, און דאן די רוסישע רעוואלוציע.

דייטשלאנד האט זיך דאן צוריקגעצויגען פון אלע פארהאנדלונגען מיט לייק'ן און די קרופ פאבריקען האבען איהם געלאזט וויסען, אז אזוי ווי זיין סאבמארין איז ניט באשיצט דורך קיין דייטשע פאטענט, פיהלען זיי זיך פריי און קאנען זיך באנוצען מיט זיינע אידעען.

דערפאר זענען טאקע די סאבמארינס, וואס האבען אין אנפאנג פון דער וועלט־מלחמה אנגעווארפען אזא שרעק אויף דער וועלט מיט זייערע גרויזאמע און אונמענשליכע אקטען, געווען ניט מעהר ווי א קאפיע פון לייק'ס סאבמארין.

דער הויפט צוועק פון לייק'ס סאבמארין איז אבער ניט געווען, אז זי זאל באנוצט ווערען אלס א קאמפ'ס מיטעל, נאר אלס א טראנספארטאציאנס מיטעל אין פרידליכע צייטען, וואס זאל עפענען פאר דער קאמערציעלער וועלט נייע וועגען און נייע מעגליכקייטען.

ער שטעלט זיך הויפטזעכליך אפ אויף דער רייזע וואס סער ווילקינס וועט קומענדען זומער אונטערנעהמען אין א סאבמארין אונטער דעם אייז פון נארד פאל. ווי באקאנט ווערט די סאבמארין, וואס סער ווילקינס וועט באנוצען פאר זיין רייזע, יעצט אויסגעבעסערט און אויסגעשטאט אין דעם היגען נייווי יארד. מען באזארגט זי מיט נייע איינריכטונגען, ספעציעלע נייע מיטלען מיט וועלכע זי זאל זיך קאנען דורכברעכען א וועג אין דעם אייז אויב עס זאל זיין פאר איהר נויטיג זיך אויפצוהייבען צו דער אויבערפלאך.

מר. לייק וויזט, צום ביישפיעל, אן וואס פאר א געוואלדיגע נוצען די קאמערציעלע וועלט וואלט געקאנט ציהען, ווען עס זאל איינגעשטעלט ווערען א רעגעלמעסיגער אונטער־וואסער פארקעהר פאר טראנספארטאציאנס צוועקען. ווען, לאמיר זאגען, מען דארף צושטעלען געוויסע סחורות פון ליווערפול קיין סאן פראנציסקא, דארף די שיף, וואס געהט אויף דעם אויבערפלאך פון וואסער, דורכפאהרען דעם גאנצען אטלאנטישען אקעאן, ביז צום פאנאמא קאנאל, דורכפאהרען דעם פאנאמא קאנאל און דעם פאסיפיק, באצאלען פאר דעם דורכפאהרען דעם קאנאל (א דאלאר א טאן פאר פראכט) און דאן ערשט מיט דעם פאסיפישען ברעג ביז סאן פראנציסקא.

נעהמט א מאפע און זעהט אליין, אז ווען עס וואלט מעגליך געווען פאר א שיף צו פאהרען איבער דעם נארד פאל, וואלט זי איינגעשפארט א העלפט פון דעם וועג. פאר א געוועהנליכער שיף איז דאס אוממעגליך, צוליעב די אין אייז איינגעקלאמערטע געגענדען ארום דעם נארד פאל, אבער א סאבמארין קאן דאס באווייזען. דאס אייז פעלד איז פאר איהר קיין אפשטעל ניט. זי קאן זיך ארונטערלאזען אונטער דעם אייז און דורכמאכען די גאנצע רייזע אהן שוועריגקייטען. וואלט מען אויף אזא אופן ניט נאר געקאנט איינשפארען פיעל צייט און געוואלדיגע אויסגאבען, נאר די וועלט וואלט דאן געווען אימשטאנד צו עקספלואטירען די געגענטען פון נארדליכער רוסלאנד, סיביר און נארד אמעריקא, וואס זענען רייך אין מינעראלען, אויל און אנדערע פראדוקטען. זיי ליגען אבער פוסט און אונאנטוויקעלט, ווייל עס איז שווער צו זיי צוצוקומען. מיט דער הילף פון דער סאבמארין וועט דאס זיין גאנץ לייכט.

די איינציגע שוועריגקייט ביז יעצט איז געווען אין באזארגען די סאבמארין מיט פרישער לופט פאר איהר לאנגער רייזע. קאנען מיר שוין קינסטליך דאס טאן. דאן איז פעסטגעשטעלט געווארען, אז ניט אומעדום אין דעם ארטיק איז דער ים פארפרוירען. פאראן גרויסע שטרעקעס וואו די סאבמארין וועט קאנען שווימען אויף דעם אויבערפלאך, אויסער דעם פארמאגט זי שוין יעצט איינריכטונגען וואס זאלען איהר העלפען דורכברעכען דאס אייז און אנשעפען פרישע לופט.

איז טאקע מעגליך, אז די סאבמארין זאל אין דער נאהענטער צוקונפט ווערען א וויכטיגער פאקטאר אין אונזער קאמערציעלען לעבען.

די אויפגאבע פון דער ניי־דערוועהלטער אספת הנבחרים אין פאלעסטינע

פון ש. שווארץ

(דער פאלגענדער ארטיקעל איז געשריבען געווארען נאך איידער עס זענען אפגעהאלטען געווארען די וואהלען צו דער אספת הנבחרים אין פאלעסטינע. מיר האלטען אבער, אז דער ארטיקעל איז אויך נאך איצט אינטערעסאנט צוליעב דעם, וואס ער גיט איינצעלהייטען וועגען דעם אינערליכען געזעלשאפטליכען לעבען פון דעם ישוב אין פאלעסטינע. רעדאקציע).

אינגיכען דארפען פארקומען די וואהלען צו דער אספת הנבחרים. דאס וועט זיין די ערשטע אידישע נאציאנאלע פארזאמלונג אין ארץ ישראל זינט די „כנסת ישראל" (ד. ה. די אויטאנאמע ארגאניזאציע פון א"י אידענטום) איז אפיציעל אנערקענט געווארען דורך דער רעגירונג. דאס ערשטע מאל ווערט דעם ועד לאומי געגעבען דאס רעכט צו מאנען שטייערן, צו באשטימען באאמטע און ארגאניזירען פארשידענע אינסטיטוציעס. ביז איצט, דאס וואס ער און די קהלות האבען אויפגעטאן אין דיזען הינזיכט, איז געווען אונאפיציעל נאר מיט'ן מאראלישען כח אליין. פון איצט אן אבער ווערען מיר „צו לייטען גלייך", מיר באקומען דא געמיינדעס מיט אפיציעלער יורידישער מאכט, ווי אין אנדערע לענדער. אונזער ארגאן, דער ועד לאומי, ווערט אן אמת'ע רעפרעזענטאטיווע קראפט וואס שטיצט זיך אויף די ארגאניזירטע כחות פונ'ם ישוב.

צעהן יאהר האבען מיר געווארט דערויף. נאך סכות־צייט 1920 האבען די פארשטעהער פון דעם אידישען ישוב אין ארץ ישראל דערלאנגט דעם דעמאלס'דיגען נציב, סער סעמועל, א פאדערונג צו אנערקענען אפיציעל די אידישע קהלות און דעם ועד לאומי און צו געבען אונז ברייטע אויטאנאמע רעכט פאר אינערליכע נאציאנאלע ארבייט. ס'האבען זיך אנגעהויבען אונטערהאנדלונגען וועגען די סטאטוטען פון דער „כנסת ישראל", איהרע פונקציעס און רעכט — און זיי האבען זיך פארשלעפט אויף יאהרען. ראשית, האבען די רעגירונגס באאמטע אין ירושלים און באזונדערס אין לאנדאן סאבאטירט דעם גאנצען ענין: זיי האבען ניט געוואלט צולאזען אז אידען זאלען באקומען מאדערנע, נייע רעכט אין לאנד (הגם ס'זענען פאראן אפיקורסים וואס טענה'ן, אז אויך אונטער די טערקישע געזעצען האבען די אידען געהאט די זעלבע אדער עהנליכע רעכט); צווייטענס, האט די אגודת ישראל אויפגעהויבען א שווערען קאמף קעגען די סטאטוטען פון דער „כנסת". איהר הויפט פאדערונג איז געווען, אז מ'זאל אויסשליסען דעם פונקט וואס גיט וואהל־רעכט די פרויען. די געגנער פון ביידע קעמפס האבען געטוואס געפועל'ט, די רעגירונג האט זיך אפגעזאגט פון ארויסגעבען א ספעציעל געזעץ וועגען דער אידישער געמיינדע־אויטאנאמיע. זי האט פארעפענטליכט אן אלגעמיין געזעץ וועגען דער אויטאנאמיע פון פארשידענע „רעליגיעזע געמיינדעס" אין ארץ ישראל, און אויפ'ן סמך פון דיזען געזעץ האט זי באשטעטיגט די שטארק פארשטעלטע תקנות (!) פון דער לעגאליזירטער אידישער עדה. נאך ערגער איז געווען דאס, וואס די „אגודה" האט אויסגעפועל'ט, נעמליך, דער ניט־אבליגאטארישער אויטאנאמער ארגאניזאציע. לויט די תקנות, מעג יעדער איד אין ארץ ישראל ערקלעהרען, אז ער טרעט ארויס פון כנסת. די אגודות ישראל האט טאקע ברייט אויסגענוצט דאס דאזיגע רעכט, און א דאנק איהר אגיטאציע זענען פיעלע טויזענטע, צוליעב דעם פרויען־רעכט און אנדערע „אנטי־רעליגיעזע" פונקטען אין די תקנות, ארויסגעטרעטען פון כנסת ישראל, ד. ה. פון דעם אויטאנאם־ארגאניזירטען ישוב, וועלכער איז צוליעב דעם געווים אפגעשוואכט געווארען אין א געוויסער מאס.

ווי ס'איז, דער אידישער ישוב אין ארץ ישראל האט באקומען אויטאנאמיע, און ער דארף זי איצט אויסנוצען אמבעסטען. יעדער פיהלט, אז גראדע אין איצטיגען מאמענט שטעהען פאר דעם ישוב גרויסע אויפגאבען וועלכע ער קאן דערפילען נאר אויב ער וועט זיין שטארק ארגאניזירט און פאראייניגט. דאס ארץ ישראל אידענטום איז שטארק אויסגעוואקסען אין כח און אין באוואוסטזיין פאר די לעצט צעהן יאהר, און איז אימשטאנד פיעל אויפצוטאן, און ווער ס'קאן פיעל, פון דעם פאדערט זיך פיעל.

פאר אלעמען, דארף דאס ארץ ישראל אידענטום זיך א נעהם טאן שטארק און מיט ענערגיע צו דער אייגענטליך קהל'שער ארבייט, וואס איז דא פארנאכלעסיגט געווארען צוליעב היסטארישע אורזאכען: צו ערציהונג, סאציאלע פירזארגע, פאלקס־געזונטהייט און דאסגלייכען. אומעטום אין דער וועלט ווערען אט די אינסטיטוציעס אויסגעהאלטען און אנגעפיהרט פון די געמיינדע־ראטען, נאר ניט אין ארץ ישראל, ווייל דא איז מען געוואוינט פון צעהנדליגע אדער גאר הונדערטער יאהרען, אז דאס אויסלענדישע אידענטום גיט דאס געלט און פארוואלטעט צוערשט די חלוקה און דערנאך די גרויסע פילאנטראפישע חברות און די ציוניסטישע ארגאניזאציע. אמת, איצט צאהלט שוין דער ישוב אליין איין ניט וועניג אויף אויסצוהאלטען די פארשידענע לאקאלע אנשטאלטען, איבערהויפט די שולען. אבער דאס ווערט געמאכט אין א ניט־גענוגענדערער מאס און אויף א ניט־ארגאניזירטען אופן, אפט אהן דעם קאנטראל און דער אנפיהרונג פון די אפיציעלע פארשטעהער פון דעם ישוב. עס איז שוין צייט אז דער ישוב זאל „מאכען ארדנונג אין הויז", זאל איבערנעהמען די אלע געזעלשאפטליכע אנשטאלטען אין לאנד אין זיין רשות, מיט זיי אנפיהרען און זיי אויסהאלטען. דאס שטייער־רעכט, וואס די תקנות געבען איהם, וועלען איהם ערלויבען דאס אלעס דורכצופיהרען אין לעבען.

אבער דאס איז ניט גענוג. פאר'ן ארץ ישראל אידענטום שטעהען אויך גרויסע עקאנאמישע אויפגאבען. אלע פארטייען זענען ארויס מיט די לאזונגען פון „תוצרת הארץ" און „עבודה עברית". וואלטען די אידען פון ארץ ישראל געקויפט נאר „תוצרת הארץ", נאר די פראדוקטען וואס ווערען געשאפען אין לאנד גופא, פונ'ם אידישען קאלאניסט, פונ'ם אידישען בעל־מלאכה, פון דעם אידישען פאבריקאנט, וואלט דער אידישער ישוב געווען רייכער צעהן מאל אדער אפילו מעהר. קויפען אויסלענדישע פראדוקטען, גוי'אישע פראדוקטען, איז אבער דא א מין חולאת. דער ארגאניזירטער ישוב דארף באקעמפען אט די קראנקהייט. און אלע פארטייען אהן אויסנאהם זאגען טאקע צו דאס צו טאן. דאגעגען מיט „עבודה עברית", ד. ה. מיט'ן איינפיהרען ריין־אידישע ארבייט אין די אידישע קאלאניעס, קומט אן שווערער. דא ווירקט דער חלוק אין פרייז צווישען דעם אידישען און ניט־אידישען ארבייטער, און נאכמעהר — די פארשארפטע באציהונגען צווישען די

(פארזעצונג אויף פיידזש 5)

איך ווער א קאמוניסט

(פעליטאן)

פון משה חייקעל'ס.

יא, מיינע ליבע פריינט, דאס וואס איך האב זיך קיינמאל ניט געקענט פארשטעלען אז דאס וועט מיט מיר פאסירען, דאס פאסירט מיט מיר היינט.

און דאס וואס איך האב אמאל ניט געוואונשען אז עס זאל געשעהן מיט מיין ערגסטען שונא, דאס געשעהט היינט מיט מיר אליין.

און גלויבט מיר, אז ווען מען זאל מיר געווען זאגען מיט א יאהר צוריק, אין דער צייט, אז איך וועל ווען עס איז ווערען א קאמוניסט, וואלט איך גרייט געווען יענעם אויסצורייסען די אויגען.

און ווען מען וואלט מיר מיט א פאר וואכען צוריק געזאגט, אז איך אליין וועל זיין א קאנדידאט פאר א קאמוניסט, וואלט איך מיך מסתמא געווען אויסגעלאכט.

און דאך — — — —

זעהט איהר דאך.

און אויב איהר וועט מיר פרעגען, וואס איז מיט מיר אמאל געווארען, און פארוואס האב איך ביז איצט זיך אויסגעלאכט פון די קאמוניסטען און איצט בין איך גרייט צו ווערען איינער פון זיי —

וועל איך אייך ענטפערען, אז דאס איז דערפאר, ווייל איך האב ביז ניט לאנג צוריק ניט געגלויבט אין די קאמוניסטען.

דאס הייסט, איך האב ניט געגלויבט, אז די קאמוניסטען האבען אן ארט דא, ביי אונז אין קענעדע.

איך האב אלץ געדענקט, אז קאמוניזם, דאס איז דארט, אין רוסלאנד, ביי די באלשעוויקעס; דארט וואו דער קאמוניזם איז געבוירען געווארען.

דער אמת איז, אז איך בין זיכער, אז איך בין ניט דער איינציגער וואס מיינט אזוי. . .

איך האב אלע מאל געטראכט, אז אויב אימיצער איז א גוטער קאמוניסט, איז ער, אדער דארף זיין, דארט, אין רוסלאנד, ניט דא.

אנדערע, פארשטעהט זיך, זענען מיט מיר ניט איינפארשטאנען. זיי האלטען, פארקעהרט, אז אין רוסלאנד זענען שוין פאראן צופיעל קאמוניסטען, דארף מען די אנדערע צושטעלען איבער יענע לענדער, וואו קיין קאמוניזם איז דערווייל נאך ניטא. . .

אבער דאס האט ניט צו טאן צום ענין.

איך האב נאר געוואלט דערצעהלען, אז אין דער לעצטער צייט האב איך זיך ארומגעזעהן, אז קאמוניזם קען זיין אויך דא, אין קענעדע, און אז מען מוז ניט דוקא פאהרען צוליעב דעם אזש קיין רוסלאנד.

איך האב זיך, הייסט עס, ארומגעקוקט, אז קאמוניזם איז זעהר א טייערע, זעהר א וואוילע זאך, און אז איך אליין קען פון דעם טאקע הנאה האבען. און ניט ערשט שפעטער, ווען משיח וועט קומען, נאר טאקע גלייך, שוין, אויפ'ן פלאץ, און דא טאקע, אין קענעדע.

איז אויב אזוי האב איך ביי זיך געטראכט, איז די העכסטע צייט, אז איך זאל כאפען און גלייך ווערען א קאמוניסט.

פארשרייבען זיך אלס מיטגליעד אין דער קאמוניסטישער פארטיי.

מחמת שפעטער, אז דער גרויסער עולם וועט זיך דערוויסען וואס פאר א גרויסע „בארגיינס" מען קען כאפען דורך דעם קאמוניזם, האב איך מורא אז עס וועט ווערען אזא „ראן" אויף דער פארטיי, אז מענשען וועלען שטעהן אין „אטשערעד", אזוי ווי איצט אין לאנד פון באלשעוויזם איידער מען קען קריגען א בגד, א בהויט, אדער אביסעל מילך . . .

און דערצו וועט נאך אפשר די קאמוניסטישע פארטיי אנהייבען רעכענען געוואלדיג גרויסע פרייזען „איינטריטס" געלט, דאס הייסט, פאר אריינגעהמען איינעם אלס א מיטגליעד אין דער פארטיי.

בקצור, איך האב באשלאסען ניט צו ווארטען, ניט אפצולייגען אין דער לאנגער באנק, נאר טאקע גלייך, שוין, געהן און פארשרייבען זיך אלס קאמוניסט.

און געקומען בין איך צו די דאזיגע געדאנקען צוליעב דעם, וואס עס האט ערשט פאסירט אין דער פארדען־שטאדט — דעטראיט.

דארט, ווי איהר ווייסט אודאי, האט פארד זיין גרויסע אויטאמאביל פאבריק, אבער ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס פארד באשעפטיגט דארט טויזענטער ארבייטער, זענען דארט אבער אויך פאראן א גרויסע צאל ארבייטסלאזע.

איז וואס־זשע, מיינט איהר, האבען דארט די ארבייטסלאזע געטאן?

זיי האבען זיך ארגאניזירט.

דאס הייסט, ניט זיין אליין האבען זיך ארגאניזירט, נאר מען האט זיי ארגאניזירט.

איך ווער, וואלט איהר וויסען, האט זיי ארגאניזירט?

די קאמוניסטען.

יא, די קאמוניסטען פון דער פארדען־שטאדט דעטראיט האבען ארגאניזירט די ארבייטסלאזע, און אין איין שעהנעם טאג האבען זיי זיך אוועקגעלאזט אין א גרויסען מארש. די קאמוניסטען האבען זיי געפיהרט גלייך צום מעיאר פון שטאדט.

ס'איז געווען, מאלט אייך, א גאנץ היבשער עולם, ארום זיבען הונדערט ארבייטסלאזע און ביז דרייצען הונדערט גלאט ליידיג־געהער און פוסטאפאסטניקעס, וועלכע זענען נאכגעלאפען נאך דעם פאראד גלאט אזוי זיך.

אבער דערווייל איז דאס געווארען א גרויסע מאסע. צוויי טויזענט שטארק.

און דער מעיאר האט געהאט אן אורזאך צו ווערען אביסעל נערוועז.

צו דערשרעקען זיך.

און דערפאר, ווי מען גיט איבער, האט מען באשלאסען צו געהן מיט דעם דאזיגען עולם מיט גוטען.

מען האט אריינגעלאזט די קאמיטע צום מעיאר אין אפיס, און מען האט געפרעגט די פארשטעהער פון ארבייטסלאזע, וואס זיי האבען צו זאגען, וואס זיי האבען צו פארלאנגען, און וואס זיי האבען פארצולייגען דעם מעיאר.

און די קאמיטע, וועלכע איז באשטאנען פון די פיהרער פון די קאמוניסטען אין יענער שטאדט, האבען פארגעלעגט א צעטעל פון פערצעהן פונקטען.

פונקט פערצעהן פונקטען.

הפנים אז זיי האבען נאך ניט פארגעסען די פערצעהן פונקטען, מיט וועלכע וואודרא ווילסאן האט זיך אזוי בארימט געמאכט און איז — געשטארבען.

אט וועל איך אייך אויסרעכענען די פונקטען, וועט איהר זעהן וואס די קאמוניסטען קענען אויפטאן אין אמעריקע, און איהר וועט במילא אליין פארשטעהן שוין, פארוואס איך אייל זיך אזוי צו ווערען וואס גיכער א קאמוניסט.

דער ערשטער פונקט איז, אז די שטאדט זאל איינפירען אינשורענס פאר ארבייטסלאזע און אז יעדער ארבייטסלאזער זאל קריגען 20 דאלאר א וואך אזוי לאנג ווי ער וועט ניט קענען קריגען קיין ארבייט.

דאס איז, דארפט איהר געדענקען, בלויז דער ערשטער פונקט. די אנדערע פונקטען קומען ערשט.

ערשטענס: אז יעדער ארבייטסלאזער ארבייטער זאל, אויסער די דערמאנטע צוואנציג דאלאר א וואך, אויך קריגען פינף דאלאר א וואך עקסטרא פאר יעדען איינציגען מיטגליד פון זיין משפחה. פינף דאלאר, הייסט עס, פאר'ן ווייב, און פינף דאלאר פאר יעדען קינד וואס ער האט.

און אויב ער האלט ביי זיך אן אלטען טאטען צי א קראנקע שוויגער — איז נאכאמאל צו 5 דאלאר פאר יעדען.

דאס אליין וואלט שוין געמיינט, אז אויב אן ארבייטסלאזער ארבייטער האט א ווייב מיט פיער קינדער און א שווער און א שוויגער אויסצוהאלטען, דארף ער, לויט צעטעל קריגען ווי פאלגט:

פאר זיך אליין	20.00 דאל.
פאר'ן ווייב	5.00 דאל.
פאר פיער קינדער. צו 5 דאלאר, איז	20.00 דאל.
פאר'ן שווער	5.00 דאל.
פאר דער שוויגער	5.00 דאל.
צוזאמען	55.00 דאל.

איהר זענט געבעטען אליין איבער־צורעכענען די ציפערען, און זיך ניט פארלאזען אויף מיר אליין.

א מענש, ווי איהר ווייסט, קען דאך אמאל מאכען א טעות.

האבען מיר שוין, הייסט עס, א קימא לן פון 55 דאלאר א וואך פאר דער פאמיליע פון דעם ארבייטסלאזען ארבייטער.

אבער דאס איז נאך ניט אינגאנצען. די קאמוניסטישע קאמיטע האט פארלאנגט פאר די דאזיגע ארבייטסלאזע ארבייטער נאך א פאר קליינינגקייטען.

ווי למשל:

פרייע קארפעיר איבער דער גאנצער שטאדט.

פרייע מאלצייטען אין יעדען רעסטאראן, וואו זיי וועלען אריינקומען.

פרייע מעדיצינישע באהאנדלונג.

פרייע רענט.

פרייע געז, און

פרייע באלייכטונג.

איך האב געמאכט דעם חשבון, אז צו קריגען אט די דאזיגע אלע זאכען פריי, און צו דעם נאך באקומען 55 דאלאר אין קעש פאר דער פאמיליע פון אן ארבייטסלאזען ארבייטער, איז גאר ניט אזוי שלעכט, און אסור, כ'לעבען, צי עס לוינט זיך צו דרעהען דעם קאפ און גאר געהן ערגעץ וואו זוכען ארבייט...

און איך זאג אייך, אז וואס מעהר איך טראכט וועגען דעם, אלץ מעהר באוואונדער איך די גרויסקייט פון אונזערע קאמוניסטען.

און איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אז עס לוינט זיך מיר צו ווערען א קאמוניסט.

און איך וועל טאקע ווערען אויך.

ניט מעהר, איך ווארט נאר צו הערען, וואס דער מעיאר פון דער פארדען־שטאדט, דעטראיט, האט געענטפערט די דאזיגע קאמוניסטישע פיהרער...

די ערשטע מעדיצינישע שולע און האספיטאל ניט לאנג צוריק אפגעגראבען אויף אן איטאליענישען אינזעל

וואס דאס צייגט אז מיט מעדיצין האט מען זיך אפגעגעבען זייט די מענשהייט עקזיסטירט

פון י. מאלין

דער מענש האט זיך אלע מאל געגריבעלט, זוכענדיג אויסצוגעפינען וואס מעהר די סודות פון לעבען. פון אונזער צייט איז דאך ניטא וואס צו ריידען, יעדער איינער ווייסט, ווי געלעהרטע, וויסענשאפטסלייט, ווידמען זייער גאנצען לעבען צו פארשען און שטודירען אויף יעדען געביעט פון דער וויסענשאפט.

עס גריבלען זיך מעדיצינישע אויטאריטעטען, איינשטעלענדיג בוכשטעבליך זייערע לעבענס, אויסצוגעפינען דעם כאראקטער פון געוויסע געפעהרליכע קראנקהייטען וואס באפאלען די מענשהייט; עס גריבלען זיך די אסטראנאמען, די ארכעאלאגען, די פיזיקער, מיט איין ווארט — איצט איז א צייט פון ערפינדונגען און ענטדעקונגען. שוין פשוט דערפאר אליין, ווייל די באקוועמליכקייטען מאכען לייכטער די מעגליכקייטען צו פארשען און זוכען. אבער ווייסען דארף מען, אז דער מענשליכער מוח האט שוין מיט טויזענטער יאהר צוריק געפארשט און געזוכט און שטודירט די נאטור און אויסגעקומען איז די פארשער פון אמאל צו ארבייטען א סך שווערער אויף די פארשיעדענע געביטען, איידער עס ארבייטען די געלעהרטע אין אונזער צייט.

ווייסט דאך יעדער איינער, אז די וועלט האט אמאל ארויסגעגעבען באריהמטע פילאזאפען, טיפע דענקער, גרויסע פאעטען און מאטעמאטיקער, וועלכע וועלען אויף אייביג פארבלייבען אומשטערבליך, ניט קוקענדיג אויף דעם וואס די צייטען זיינען אמאל געווען ווייט־ווייט פון גינסטיגע פאר דער וויסענשאפט. וואס הערטזיך אבער מכח מעדיצין אין דער אמאליגער וועלט? ווי ווייט איז געגאנגען דער פארשריט פון דער דאזיגער חכמה, וואס פארנעהמט תמיד און וועט אלע מאל פארנעהמען דעם אויבענאן אין דעם קאנצערט פון וויסען און לעהרען.

לאמיר זאגען אז דער ארגאניזם פון דעם פרימיטיווען מענשען איז געווען ניט אין פארגלייך שטארקער פון דעם ארגאניזם פון דעם איצטיגען מענש. לאמיר צוגעבען, אז דער מענש האט אמאל ווייניגער געקרענקט איידער דער איצטיגער מענש. פארוואס? ווייל ער האט געלעבט נעהענטער צו דער נאטור, האט פארהארטעוועט זיין קערפער אויף אזוי ווייט, אז ער איז געווען צוגעוואוינט צו אלע ענדערונגען פון וועטער און איז ניט געווען אונטערווארפען צו פארקיהלונגען און ממילא אויך צו אנדערע קראנקהייטען, ווי מיר איצט. מוז מען דאך אבער אויך צוגעבען אז מען איז אמאל אויך קראנק געווארען און אז אמאל מיט טויזענטער יאהרען צוריק, האט מען אויך אייביג ניט געלעבט. אויב אזוי, האט זיך דאך די אמאליגע מענשהייט געמוזט אויך דאקטארען; זוכען, פארשען צווישען די גראזען און וואקסונגען און געפינען מיטלען צו פארשיעדענע אנשיקענישען, פון וועלכע מיר ליידען שטענדיג.

אזוי האט דאך געמוזט זיין. דער הילפלאזער מענש פון אמאל האט אינסטינקטיוו געמוזט פיהלען, אז ער איז דער בעל הבית איבער זיין קערפער, אז ער אליין מוז זיך זארגען וועגען איהם, און אויב ער וועט דאס ניט טהאן, וועט ער האבען א ביטערע ענדע. דער אמאליגער מענש האט זיך גוט צוגעקוקט צו די היימישע חיות, מיט וועלכע ער האט זיך ארומגערינגעלט און געזעהן ווי די נאטור לעהרענט זיי צו קענען זיך העלפען אין א נויט. דער הונט ווייסט פון אזעלכע גראזען, וואס קורירען איהם פון דעם ביס פון א שלאנג. די קאץ וועט קיין זאך ניט נעהמען אין מויל, ווען זי איז קראנק, מעג זי זיין ווי שטארק הונגעריג און אזוי די איבעריגע היימישע חיות.

צוקוקענדיג צו דעם ארט לעבען פון די פארשיעדענע באשעפענישען, האט דער מענש פון אמאל מיט זיינע קליינע השגות און ניט איבעריג ענטוויקעלטען פארשטאנד געלעהרענט א מוסר השכל פון זיי דאס מיינט, ער האט נאכגעפאלגט זייער ביישפיעל, אויך געזוכט, גענישטערט אין דער נאטור, צו געפינען מיטלען פאר פיבער, קרעץ, סתם וואונדען און אזוי ווייטער און ווייטער. אט דאס איז, וואהרשיינליך, געווען דער באזיס פון דער מעדיצינישער וויסענשאפט. קיין אוניווערזיטעטען מיט באריהמטע מעדיקער זיינען אודאי דעמאלט ניט געווען, ראטעווען האט מען זיך געמוזט, קיינער וויל ניט ליידען שמערצען, קיינער וויל ניט שטארבען, האט מען געזוכט רפואות. און ווי זאגט דארט די גמרא: יגעתי ומצאתי תאמין, אין אידיש מיינט עס: אז מען זוכט געפינט מען.

וויסענשאפטסלייט זענען שוין פיעלע מאל ארויסגעקומען מיט זייערע מיינונגען, אז אמאל, אין דער ווייטער פארגאנגענהייט האט מען שוין געהאט א נישקשה'דיגען באגריף וועגען מעדיצין, אז מען האט געהיילט קראנקע מיט פארשיעדענע רפואות און אפילו דורכגעפיהרט אויך ערנסטע אפעראציעס. די ארכעאלאגען האבען אין פארשיעדענע טהיילען פון דער וועלט אפגעגראבען מעדיצינישע אינסטרומענטען — עהנליך צו אונזערע — כאטש אויסגעארבייטע פון ביין, אדער שטיין. און נעהמענדיג אין אנבעטראכט, אז אפילו איצט, אין צוואנציגסטען יאהר הונדערט, קען די מעדיצינישע וויסענשאפט ניט באהויפטען, אז זי האט שוין געזאגט איהר לעצטען ווארט, אז איבער אייניגע קראנקהייטען הענגט נאך אפילו פאר די גרויסע אויטאריטעטען איצט א גרויסער פראגע צייכען, קען מען אודאי גארנישט האבען צו די מענשען פון דער פארגאנגענהייט, פאר זייער קליינעם פארטשריט, וואס זיי האבען דעמאלט געמאכט אויף דעם דאזיגען געביעט. וואס זיי זאלען ניט האבען אויפגעטאן מיט זייערע באשרענקטע מיטלען, זיינען זיי אלץ ווערטה א לויב געזאנג. דאס מוז יעדער איינער צוגעבען.

צו באשטעטיגען די דאזיגע מיינונג וועלען מיר איבערגעבען פאלגענדען פאקט.

געשעהן איז דאס אין 1912, א פאר יאהר פאר דעם אויסברוך פון דעם וועלט קריעג, ווען טערקיי האט איבערגעגעבען צו איטאליען דעם אינזעל קאס, וועלכע איז א געבירגיגע געגענד. גלייך נאכדעם אין אהין אנגעקומען א גרויסע ארכעאלאגישע עקספעדיציע, וועלכע האט זיך א נעהם געטאן צו גראבען און זוכען אנטיקען אין די בערג פון דעם אינזעל. דערנאך האט אויסגעבראכען דער קריעג איז שוין די ארכעאלאגען ניט געלעגען אין זינען אפצוגעבען זיך מיט ארכעאלאגישער ארבייט, האט מען דאס דערווייל אויפגעגעבען. וואס די געלעהרנטע האבען דארט געווארט צו געפינען, האבען זיי ניט געזאגט, און מעגליך, אפשר אליין ניט געוואוסט באשטימט, הגם ערווארטעט האבען זיי צו געפינען עטוואס אויסערגעוועהנליכעס. זייערע ערווארטונגען זיינען דערפילט געווארען, כאטש מיט א סך יאהרען שפעטער, ערשט ניט לאנג צוריק.

ווען די מלחמה האט זיך איינגעשטילט און אלץ האט זיך גענומען בארוהיגען, האבען זיך די געלעהרנטע ערינערט וועגען זייער איבערגעריסענער ארבייט אויף דער אינזעל קאס און א היבשע מחנה ארכעאלאגען האבען זיך ווידער אוועקגעלאזען אהין מיט אלע נויטיגע כלי מכשירין צו קענען צוטרעטען צו דער ארבייט. און אט מיט א פאאר וואכען צוריק, האבען זיי געלאזט וויסען דער וועלט, אז זיי איז געלונגען אפצוגראבען איינע פון די גרעסטע אנטיקען פון דער אמאליגער וועלט. נעמליך די ערשטע מעדיצינישע שולע פון דער גאנצער וועלט ווארשיינליך.

דער דאזיגער בנין, וואו די מעדיצינישע וויסענשאפט איז געלעהרענט און פראקטיצירט געווארען, שטעלט מיט זיך פאר א טעמפעל צו עסקולאפוס'ן, וועלכער איז ביי די אלטע גריכען באטראכט געווארען אלס דער גאט פון מעדיצין. פון די שירים, וואס די ארכעאלאגען איז געלונגען אפצוגראבען, קען מען לייכט זעהן, אז דער טעמפעל. וועלכער באשטעהט פון שטיין און ציגעל איז אמאל געווען א פרעכטיגע געביידע מיט פארשיעדענע ארנאמענטען אויף די ווענט און אויף די איינגעפאלענע סלופעס אינוועניג. אויף די ווענד זיינען נאך עד היום אויפגעהאלטען געווארען פארשיעדענע שריפטען, וואס גיבען איבער ווי אזוי קראנקע זענען אויסגעהיילט געווארען פון פארשיעדענע חולאת'ן דורך די פריסטער פון דעם טעמפעל. די שריפטען זיינען געמאכט געווארען פון די קראנקע אליין, וואס דיענען אלס אויסדרוק פון דאנקבארקייט צו די פריסטער פאר זייער נאבעלער ארבייט.

קיין נייעס איז דאס ניט, אז גייסטליכע האבען זיך אמאל אפגעגעבען מיט מעדיצין. די מאנאכען פון די אלטע רוסישע מאנאסטירען האבען אויך מיט הונדערטער יאהרען צוריק געוואוסט א היבש ביסעל פון מעדיצין און קורירט ניט נאר זייערע אייגענע קראנקע, נאר אפילו פרעמדע, וועלכע האבען זיך צו זיי געווענדעט. אזוי איז דאס אויך געווען אין די מאנאסטירען און טעמפלען פון אנדערע לענדער.

וואס מאכט נאך דעם אקוראט דעם אפגעגראבענעם טעמפעל אינטערעסאנטער, איז דאס וואס ער איז אויפגעשטעלט געווארען מיט א זעקס הונדערט יאהר פאר דער קריסטליכער צייט רעכענונג. דאס מיינט, מיט צוויי און א האלבען טויזענט יאהר צוריק. קען מען זאגען, אז דאס איז געווען אי א שולע און אי א האספיטאל אין איין צייט, אז די עלטערע פריסטער האבען דארט געלעהרענט זייערע איינגערע קאלעגען די חכמת הרפואה און אויך געצייגט ווי מען דארף זיך באגעהן מיט קראנקע און ווי מען ברויכט זיי צו קורירען.

מיט איין ווארט א מעדיצינישער פאקולטעט און א האספיטאל פון מיט 2,500 יאהר צוריק האט מען איצט געפונען, איז עס ניט א חידוש?

די לעגענדע וועגען שוואכען געשלעכט ווערט צושטערט

פון א פאכמאן

פאר די לעצטע פאר צעהנדליג יאהר האלט די וועיסע מענשהייט אין איין ברעכען די פריהערדיגע אנגענומענע אמת'ן. פיעלע זאכען, וועלכע זענען געווען באטראכט אלס אומבאשטרייטבארע פאקטען זענען אפגעלייקענט געווארען, פיעלע אנשויאונגען זענען פארווארפען געווארען און פיעלע טעאריעס זענען פארביטען געווארען מיט אנדערע. צווישען די אלע פארווארפענע טעאריען און אמת'ן איז אויך די לאנג איינגערעדטע באהויפטונג, אז די פרוי איז פון שוואכען געשלעכט.

פלעגט קומען צו רייד וועגען ארויסווייזען פיזישע שטארקייט, האט מען ערקלעהרט, אז דער מאן איז שטארקער פון דער פרוי, פלעגט קומען צו רייד פון קענען ליידען, האט מען געזאגט, אז דער מאן קען מעהר ליידען, דאס נעהמליכע פלעגט מען זאגען וועגען יעדע זאך אויף דעם געביעט פון מענשליכען לעבען.

אזוי ווייט איז די באהויפטונג, דאס די פרוי איז פון שוואכען געשלעכט, געגאנגען, דאס זאגאר די פרוי אליין האט שוין אין דעם גענומען גלויבען. „וואס זאל נעבאך א שוואכע פרוי טאן" — איז געווען אן אויסדרוק, וואס מען האט מיט אפערטעל יאהרהונדערט צוריק גאנץ אפט געהערט פון פרויען.

פלעגט קומען צו געוויסע וויכטיגע אונטערנעהמונגען אין דער געזעלשאפט, האט דער מאן אימער פארנומען דעם אויבענאן. און געווען איז דאס ניט נאר א רעזולטאט פון דעם, וואס די פרוי איז געווען רעכטלאזיג, נאר אויך פון דעם, וואס די פרוי איז באטראכט געווארען אלס פון שוואכען געשלעכט, וועלכע קען דערפאר ניט אונטערנעהמען צו טאן זאכען, וואס פאדערען אנשטרענגונג און אויסדויער.

און ניט נאר איז די פרוי באטראכט געווארען אלס שוואכער געשלעכט אויף דעם פיזישען געביעט, נאר זאגאר אויך אויף דעם גייסטיגען געביעט. דער אויסדרוק „לאנגע האר און קורצען שכל", איז ביסלאכווייז אריין אין געברויך, און ניט נאר האבען פרויען ביי דיזער באמערקונג זיך ניט געפיהלט באליידיגט, נאר פלעגען עס אליין אויך זאגען. „א ווייבערישער שכל" איז געווען אן אויסדרוק פון ביטול. אז מען האט געוואלט אימיצענ'ס מיינונג ניט וויכטיג מאכען, פלעגט מען זאגען „ער רעדט ווי א אידענע".

די דאזיגע ערשיינונג איז ניט געווען א רעזולטאט פון דעם, וואר דער איז געווען הערשער און די פרוי האט קיינע רעכט ניט געהאט, נאר איז טאקע הויפטזעכליך געווען באגרינדעט אויף דעם פעסטען גלויבען, דאס דער פרויען געשלעכט איז שוואכער ווי דער מענער געשלעכט. ווען מען וואלט אימיצען געזאגט, מיט א פערטעל יאהרהונדערט צוריק, אז א פרוי קען ווערען, צום ביישפיעל א סאלדאט, וואלט מען אזא איינעם באטראכט אלס נאר.

די וויסענשאפט גלויבט אבער קיינעם ניט אויפ'ן ווארט, און די וויסענשאפט זוכט אלעס צו ערפאהרען און אלע צו וויסען. און אויך די פראגע וועגען שוואכען געשלעכט האט פאראינטערעסירט די וויסענשאפטסלייט, און זיי האבען זיך גענומען אויף א וויסענשאפטליכען אופן אונטערזוכען צי די באהויפטונג וועגען שוואכען געשלעכט איז טאקע א ריכטיגע, צי עס איז נאר א לעגענדע, אן איינרייעדעניש.

און די רעזולטאטען פון די אונטערזוכונגען זענען, אז דאס איז ניט מעהר ווי א לעגענדע. די פרוי איז ניט שוואכער פון מאן סיי פיזיש און סיי גייסטיג. אלע רייד וועגען דער פרוי אלס שוואכער געשלעכט איז ניט מעהר ווי אן איינרייעדעניש, און האלט ניט אויס קיין קריטיק.

וויסענשאפטסלייט ווייזען אן פיעלע פאלען, ווען פרויען האבען זיך ארויסגעוויזען צו באזיצען גרעסערע פיזישע אויסדויער ווי דער מאן, צו קענען ליידען מעהר ווי דער מאן. דאס נעמליכע זאגען זיי אויך וועגען דער באהויפטונג, אז פרויען זענען גייסטיג שוואכער ווי דער מאן.

מיר קענען דא ניט אויסרעכענען די פיעלע פאלען, וועלכע ווערען אנגעוויזען פון פארשיעדענע פארשער צו באשטעטיגען זייער באהויפטונג, אז די טויזענט־יעהריגע ריידעניש פון דעם שוואכען געשלעכט איז ניט מעהר ווי א לעגענדע. מען האט אונטערזוכט פארשיעדענע געביטען פון מענשליכען לעבען, און אין אלע פאלען האט זיך ארויסגעוויזען, דאס די פרוי איז ניט הינטערשטעליג דעם מאן.

די פרוי אליין ווערט ביסלאכווייז צוריקשטעלען אויף איין גלייכקייט מיט דעם מאן, ניט נאר לעגאל נאר אויך פיזיש און גייסטיג. דאס הייסט א מענש איז א מענש מיט אלע זיינע מעלות און אלע זיינע חסרונות, מאכט ניט אויס צי דאס איז א מאן אדער א פרוי. געשלעכט האט אין דיזען הינזיכט גאר ניט צו טאן.

די לעגענדע וועגען דעם „שוואכען געשלעכט" זעהט אלזא אויס צו זיין א פשוט'ער רעזולטאט פון דער רעכטלאזיגקייט פון דער פרוי. עס זעהט אויס, אז די לעגענדע איז געשאפען געווארען צו פארדעקען די דיסקרימינאציע געגען דער פרוי, און צו רעכטפערטיגען די באהאנדלונג פון דער פרוי און דאס ניט געבען איהר קיינע רעכטע. דאס וואס די פרויען אליין האבען זיך באטראכט אלס שוואכער פון מאן איז געווען א רעזולטאט פון פיעלע יאהרען איינוויינונג זי מיט דעם געשאפענעם ניגונ'דעל.

עס איז זעלבסטפארשטענדליך, אז פרויען האבען אמאל גארניט געקענט באשטרייטען די באהאנדלונג. די פרוי איז געווען רעכטלאז, מען האט איהר ניט דערלאזען צו פארנעהמען קיינע וויכטיגע פאזיציעס אין לעבען. אלעס וואס זי האט געטאן איז געווען אדער זיצען אין דער היים ביי איהר פאטער און העלפען דער מוטער אין הויז־ווירטשאפט — ביז דער חתונה, אדער פיהרען אן אייגענע ווירטשאפט — נאך דער חתונה. ווי אזוי האט זי געקענט דעמאנסטרירען איהר שטארקייט אדער איהר שוואכקייט?

ווען אבער די פרוי האט געוואונען איהר קאמף פאר גלייכבארעכטיגונג, זי האט גענומען אריינדרינגען אין אלע אינדוסטריען און פראפעסיעס, זי איז געווארען טעטיג אויפ'ן עקאנאמישען און געזעלשאפטליכען געביעט, זי האט גענומען אריינדרינגען אין אזעלכע טעטיגקייטען, ביי וועלכע עס פאדערען זיך גייסטיגע פעהיגקייטען, קלוגשאפט און אויסגעצייכענטקייט, ערשט דאן האט די פרוי זיך גענומען באווייזען אין איהר עכטען געשטאלט, און דעמאנסטרירט פאר דער וועלט, אז זי איז אין אלע הינזיכטען ניט מינדערוועורטיגער פון דעם מאן, און איז פעהיג זיך גלייכצושטעלען מיט דעם מאן.

דער אויסדרוק „שוואכער געשלעכט" איז דערפאר ניט מעהר ווי א לעגענדע, מיט וועלכער מ'האט פארוויגט די מענשהייט פאר לאנגע יאהרהונדערטע אום רעכטצופערטיגען דאס אוועקנעהמען פון דער פרוי איהרע רעכט, א לעגענדע וואס איז אין משך פון יאהרען געווארען אן אנגענומענער אמת, אבער וועלכע ווערט ביסלעכווייז צושטערט דורך דער וויסענשאפט און דורך די טעטיגקייטען און ארבייט פון דער פרוי.

א באק אין גארטען

פון וואלענטין קאטאיעוו

אויף דער עסטראדע פון א פראווינציעלען קלוב איז ארויף א ריגיזער, ניט קיין גערעזירטער מאן אין אן אימה'דיגען פראק.

ער האט הויך אפגעהוסט און דערנאך האט ער שטיל, מיט א הייזעריגער שטים געפרעגט:

— וואו איז דער אקאמפאניאטאר?

— גאט איז מיט אייך, חבר לעקטאר, — איז סאשע געווארן אומרוהיג.

— עס איז דאך א פארטראג: סאמאגאן און דער קאמף מיט איהם. ווי אזוי פאסט זיך גאר אהערצו מוזיק?

— א פארטראג? המ... פונדעסטוועגען, אפשר פארט עפעס אויסזינגען, הא? א שטיינער פון "דעמאן", הא?

— כא, כא! עס איז דאך א פארטראג!

— אויף נאמנות, איך וועל בעסער עפעס זינגען. עהרען־ווארט... עפעס אזוינס:

און דער גאנצער
מענשען מין
דינט אויף דער ערד
דעם זעלבען אפגאט...

— ווי גאט איז אייך ליעב! עס איז דאך א פארטראג, עס איז דאך סאמאגאן, און אזוי צו זאגען, קאמף, אזוי שטעהט דאך אויך אין אונזער פלאקאט.

— אזוי גאר? נו, מילא, המ... המ....

דער מאן אין פראק האט געדיכט אפגעהוסט, צוגעטראגען די האנט צום האלז, א טרייסעל געטאן דעם קאפ, און ער האט זיך אוועקגעשטעלט אין א פאזע.

דער פאריזיצער האט גענומען קלינגען.

— חברים, איך רוף אייך צו ארדנונג. דער חבר פון צענטער וועט באלד רעפערירען אויף דער טהעמע וועגען סאמאגאן און אזוי ווייטער. די טעמע איז זעהר א וויכטיגע אין געזעלשאפטליכען זין פון די ארבייטענדיגע, און די יעניגע וועלכע ווילען אפשר בעסער טאנצען, מעגען פארלאזען דן אודיטאריע. א ווארט האט דער חבר פון צענטער.

דער רעפערענט האט באטראכט דעם עולם מיט זיינע בלוילעכע אויגען, האט זיך א וויג געטאן און האט געזאגט:

— חברים! אין דער דאזיגער געפעהרליכער שעה, ווען די ראטען רעפובליק קרעכצט צוליעב די אינטריגעס פון די משרתים פון וועלט־קאפיטאליזם, קאנען מיר ניט פארבלייבען גלייכגילטיג. אלע ווי איינער! אזוי צו נישט?

— ריכטיג! — האט מען באשטעטיגט פון זאל.

— יא, חברים! מיר אלע ווי איינער, דארפען זיך שטעלען צום קאמף קעגען סאמאגאן. טויזענטער מענשען טרינקען סאמאגאן, און טויזענטער מענשען סמ'ען זיך יעדען טאג מיט אט דעם שרעקליכען סם. וועלכער צושטערט דעם ארגאניזם. אזוי צו נישט?

— מען ווערט אפילו בלינד אויך — האט זיך דערהערט פון זאל א באזאכטע פרויען שטים.

— ריכטיג, בירגערין! זעהר א זאכליכע באמערקונג. אט דאס איז טאקע. מען ווערט בלינד. עס טרעפט. און טויב אויך. עהרען־ווארט! איז אט, חברים, זעהען מיר, אז סאמאגאן איז א שרעקליכער סם, א פלאג. און פארוואס?

דער רעפערענט האט באטראכט די אודיטאריע מיט א פארניכטענדען בליק.

— און פארוואס?

ער האט אויסגעהאלטען אן עפעקטפולע פויזע, בעת וועלכער ער האט שטארק אנגעקוואלען פון דער שטילקייט, וועלכע האט געהערשט אין זאל, און דערנאך האט ער פארטגעזעצט מיט א געהעכערטער שטים.

— און דערפאר, טייערע חברים, ברענגט דער סאמאגאן שאדען, וואס עד היום האט מען זיך נאך ניט אויסגעלערענט איהם אפצורייניגען. און עס איז דאך די פשוטסטע זאך אפצורייניגען סאמאגאן. גרינג ווי א האר. אויף איין עמער סאמאגאן נעהמט מען דריי פונט פשוטע געוועהנליך זאלץ, וואס צייכענט זיך מיט גארנישט אויס.

— דינע צו גראבע? — האט מען האסטיג געפרעגט פון זאל.

— בעסער איז דינע. מען קען אבער אויך גראבע. נו איז שיט מען דאס זאלץ אריין אינ'ם סאמאגאן, און מען פארדעקט דעם עמער מיט עפעס א ווארימער זאך, למשל, מיט א קאלדרע.

— און א קישען, חבר רעפערענט, איז גוט?

— עס קאן אויך גוט זיין א קישען. אדרבא, א קישען איז נאך בעסער. אזוי, מיינע טייערע חברים. דערנאך דארף מען נעהמען א פינף־זעקס פונט פשוט'ע פרימיטיווע זשוראווינעס...

— זשוראווינעס! — האט מיט התפעלות אויסגעשריגען א פרוי פון דער דריטער רייהע, פאטשענדיג זיך איבער די היפטען.

— אך, דו ליבינקער גאט: זשוראווינעס!

— אט ווי איהר זעהט, זשוראווינעס. — האט טריאומפירענדיג איבערגעחזרט דער רעפערענט. די סאמע געוועהנליכסטע זשוראווינעס אויף א לאנגזאמען פייער, און דערגעבען צו דעם זשוירזאלץ, קרייט, סאדע!

— זשוירזאלץ, א סאך?

— און וויפיעל סאדע?

— חבר רעפערענט. און וואס וועט זיין אויב . . .

— שטילער, שטילער! לאזט הערען, שטופט זיך נישט.

— זשוירזאלץ דארף מען נעהמען א סך?

אין זאל האט מען אנגעהויבען צו טומלען. די הינטערשטע האבען געשטופט די פאדערשטע. פרויען האבען געפישטשעט. צו דער קאטעדרע זענען געפלויגען צעטעלאך.

— חברים, ניט אלע מיט אמאל! איך בעט לויט א רייהע. אט דא האב איך א צעטעלע מיט א פראגע: צו מעג מען אין סאמאגאן צוליעב שטארקייט וועגען אריינגעבען פעפער און טאבאק? איך ענטפער: אגדאי און אודאי ניט! פעפער און טאבאק, צוגעמישט צו סאמאגאן, שאפען ווירקליך אן איינדרוק פון שטארקייט. אין דער אמת'ן אבער פארגרעסערען זיי גארניט די שטארקייט, און דער קאפ טוט נאכדעם וועה, ווי די ניכפע וואלט איהם גענומען. אזוי... נו, איך זעץ פאר. און ווען די זשוראווינעס, טייערע חברים, וועלען זיך אפקאכען און אויסטיילען זאפט, דארף מען נעהמען א זיפ, א פשוטע פרימיטיווע זיפ, וועלכע . . .

דער פאריזיצער איז בלאס געווארען.

— חבר רעפערענט, איך בעט צו האלטען זיך נעהענטער צו דער טעמע.

דער עולם האט גענומען ליארעמען...

— זאל ער ארויסזאגען! מיר בעטען, מיר בעטען! שטערט ניט דעם רעפערענט. דאך וויפיעל סאדע? קרייט געשטויסענע, אדער גאנצע שטיקער? וועגען דער זיפ זאל ער פארענדיגען.

דער רעפערענט האט פארבויגען דעם קאפ אין דער זייט, האלב פארמאכט די אויגען און האט ווייטער גערעדט:

— דערנאך, טייערע חברים, דארף מען אט די גאנצע מוזיק דורכזייען דורך א זיפ און אריינגיסען...

— אריינגיסען?! אך, הארציגער מיינער, מען האלט שוין ביים אריינגיסען! וואס זאגט איהר צו איהם, הא?

— אט א מאדים!...

— אין א ליימענע כלי, וואוהין מען טוט פריהער אריין...

דער פאריזיצער האט זיך געכאפט פאר'ן קאפ און איז אנטלאפען הינטער די קוליסען.

סאשע איז דארטען געשטאנען, אנגעשפארט מיט'ן קאלטען שווייסיגען שטערען צו א זייטיג ווענטעל.

— סאשע, — האט אנגסטליך ארויסגעברומט דער פאריזיצער — ער דעמאראליזירט די אודיטאריע. און איז אויף א דאקטאר גארנישט ענהליך. אפשר האסטו געהאט א טעות, און געבראכט עמיצען אנדערש?

— קיין שום טעות ניט געהאט — האט סאשע געענטפערט מיט א פארשטיקטער שטים. — איך בין אליין געפאהרען אין האטעל, אין אכטען נומער.

דער פאריזיצער איז אויפגעשפרונגען:

— גזלן איינער, ניט אכט, נאר אכצעהן! אוועקגעקוילעט! שלעפ איהם אראפ פון דער עסטראדע! אומגליקליך! לאזט אראפ דעם פארהאנג! פארפלאנטערט. אין אכטען איז אן אקטיאר. שלאק דו איינער!

סאשע האט נערוועאיש גענומען ציהען דעם פארהאנג.

אבער ער איז שוין געווען צו שפעט. דער רעפערענט איז געשטאנען אין מיטען זאל, ארומגערינגעלט דורך די באגייסטערטע צוהערער און געענטפערט אויף די פראגען.

דער פאריזיצער האט געקוקט דורכ'ן שפאלט אין פארהאנג.

אין דער ערשטער מינוט, האט זיין געזיכט אויסגעדריקט שרעקליכע פארצווייפלונג. אין א וויילע ארום האט ער זיך אביסעל אויסגעגלויטערט. דערנאך האט דער פאריזיצענדער פארזארגט א שאקעל געטאן זיך און האט אריינגעשריען אין זאל:

— חבר רעפערענט! ווי איז אבער, למשל, אויב מען לייגט אריין אין דער זויערקייט צופיעל הויוען, און זי, די ניי דערטרעכטיגע, ווערט צו גערינכט?

און מיט די דאזיגע ווערטער האט ער זיך אריינגעווארפען אין דער סאמע געדיכטעניש פון דעם וויסענדורשטיגען עולם.

דאס בילד צייגט א גרופע סיילס־לייט פון איבערן גאנצען לאנד, וועלכע האבען אפגעהאלטען א קאנפערענץ אין דער הויפט־קווארטיר פון דער ראדזשערס־מאדזשעסטיק ריידיא קא. אויף פליט סטריט.

די אויפגאבע פון אספת

(פארזעצונג פון פיידוש 4)

קאלאניסטען און די אידישע ארבייטער אין א סך ערטער. אבער דאס זענען ניט קיין שטערונגען וועלכע ס'איז אבסאלוט אונמעגליך דורכצוקומען. אויך אין דיזען הינזיכט זענען דער רוב פארטייען איינפארשטאנען. דורכ'ן ארגאניזירען פון נייטראלע ארבייטס־ביוראס, טאריף קאמיסיעס און ארביטראציאנס־אנשטאלטען, קאן מען רעגולירען אויך דאס פראבלעם פון אידישע ארבייט. זאל נאר דער ישוב זיין ארגאניזירט און שטארק גענוג ארויפצווארפען זיין ווילען אויף די איינצעלנע גרופען, דאן וועט אלעס קומען אין ארדנונג.

אם מייסטען אינטערעסירט דעם ארץ ישראל אידען ביי היינטיגען טאג פאליטיק. דא זענען שוין די שטימונגען מעהר פארשידען, געגענזעצליך. דער גרעסטער רוב איז געשטימט שטארק אפאזיציאנעל, אבער ס'איז דא א גרויסער חלוק אין דער טאקטיק. פון איין זייט שטעהען די ארבייטער מיט זייער נייגונג צו א מעהר רעאליסטישער און אפארטוניסטישער טאקטיק, און פון דער צווייטער זייט — די רעוויזיאניסטען און פיעלע אנדערע, וועלכע פאדערען א קאמפראמיסלאזע, א מעהר געוואגטע טאקטיק. אלע, אבער, ווילען אז די קומענדע אספת הנבחרים און דער ועד לאומי, וואס וועט ערוועהלט ווערען, זאלען האבען אן ענטשיידענדען איינפלוס אויף דער ציוניסטישער פאליטיק אין ארץ ישראל. אלע ווילען אז דער ארגאניזירטער ישוב זאל אנפיהרען מיט דעם טאג־טעגליכען קאמף פאר אונזערע רעכט אין לאנד, אויף די אלע פיעלע געביעטען וואו די רעכט ווערען פארלעצט. דעם ישוב'ס פאליטישער איינפלוס האט זיך שטארק געפיהלט די לעצטע 12—15 חדשים, זינט ה' פנחס רוטענבערג איז אוועקגעשטעלט געווארען אן דער שפיץ פון דעם ועד לאומי. לייד, האט זיך ה' רוטענבערג אפגעזאגט ארויסצושטעלען זיין קאנדידאטור אויף וועלכער ס'ניט איז קאנדידאטען־ליסט אין די וואהלען צו דער אספת הנבחרים. מען מעג אבער האפען, אז הגם ער וועט ניט זיין קיין דעפוטאט, וועט ער זיך דאך ניט ענטזאגען צו פארזעצען זיין דיענסט דעם ישוב, אויב דער קומענדיגער ועד לאומי וועט איהם איינלאדען.

איינארדנען און פארוואלטען די געמיינדע־אנשטאלטען, שטארקען די פאזיציעס פון דער אידישער פראדוקציע און דער אידישער ארבייט אין לאנד, ארגאניזירען א שטארקע פארטיידיגונג פון אונזערע פאליטישע רעכט — אט דאס זענען די דריי הויפט־אויפגאבען פונ'ם ארגאניזירטען ישוב, וועגען וועלכע די אספת הנבחרים וועט דיסקוטירען און אננעהמען באשלוסען. („איטא")

STANDARD THEATRE

טריניטי 4310 — א. עקסלער, מענעדזשער.

די אידישע אקטיארען יוניאן פרעזענט מיט די צווי באליבטע קינסטלער

חנה און איזידאר האלענדער

צוזאמען מיט אן ערשטער קלאס קינסטלער קאמפ. פון די פאלגענדע.

לואיס ווייסבערג, גוסטאוו גאלדשטיין, ארעלא שווארץ, העלען בלעי, לאה מעלצער, יוסף גרינבערג, מאקס קלע־טער, גאלדע וואגשאל, ארטור ווינטערס, מרדכי שווארץ, בן־ציון וואגשאל.

מאנטאג אווענט, יאנואר 19

„פארהייראטע שקלאפען"

ליידיס פריי! 2 פאר 1 ליידים פריי!

מיטוואך אווענט, 21־טען יאנואר

ווערט געשפילט זאלאטארעווסקי'ס קאמעדיע־דראמע מיט מוזיק.

„די פרעהלאכע מויד"

פרייזען: 2 פאר 60 סענט. 2 פאר 85 סענט און 2 פאר 1 דאלאר.

נייעס! ווידער א גרויסע שעהנע אפערעטא נייעס!

פרייטאג אווענט, שבת מאטעני און אווענט.

צום ערשטען מאל אין טאראנטא. ווידער האלענדער'ס אויפפירונג פון סעמועל סאלאמאנס און א. אסטראפס

„דאס בלומען מיידעל"

שעהנע, הארציגע מוזיק, א גרויסער כאר, פראכטפולע קאסטיומען ספעציעל פון ניו־יארק.

ביליגע יאנואר פרייזען היינטיגען חודש

איך אנאנסיר ספעציעלע פרייזען היינטיגען חודש פאר סוטס און טאקסידאס.

סוטס רעגולאר $37 — איצט — — — — — $27

סוטס מיט עקסטרא הויזען $45 — איצט — — — $34

טאקסידאס, רעגולאר $40 — איצט — — — $32

בעסטע סחורות, ביליגע פרייזען צופרידענע באהאנדלונג

א. מילער

היי קלעס מענער קאסטאם שניידער

411 ספעדיינע עוו. טעל. טריניטי 9081.

דער נאמען „מילער" איז א גאראנטי.

הבשה געשאנק פון חתנ'ס צד

אלע חתנים וואס קומען מיט זייערע מחותנים צו אונז רענטען טאקסידאס, קריגען א שעהנעם

הבשה געשאנק

און געדענקט אז ביי אונז באקומט איר צו רענטען נייע לייטעסט סטייל־טאקסידאס בלויז פאר 2 דאלאר. אויך גאנצע אויטפיטס צו ביליגע פרייזען.

— פריימאן ברידער —

571 יאנג סטריט

טעלעפאן קינגסדייל 3270

אפען אווענטען.

איך האב נעלט צו לייען אויף מארגעדזשעס

ערשטע, צווייטע און דריטע

CHAS. COBLENS

(טשארלס קאבלענס)

387A ספעדיינע עווענין

טעלעפאן טריניטי 1831.

איך קויף אויך צווייטע מארטגיידזשעס

לערענט זיך טאנצען

אייזען ברידער

באוואוסטע און באקאנטע דענס לעהרערס, לערנען יעצט אין זייער סטודיא אין קאלעדזש אסעמבלי האל, 7 בראנזוויק עוועניו. קלאס לעסאנס 3 מאל א וואך, דינסטאג און פרייטאג פון 7 ביז 11 אווענט. שבת פון 2 ביז 6.

בלויז $2 איינצאהלען און $1 א וואך.

פריוואטע לעסאנס אין זעלבען פלאץ מאנטאג, מיטוואך און דאנערשטאג.

פאר אינפארמאציע און אפאינטמענטס טעלעפאנירט קינגסדייל 8488.

טאנצט יעדען שבת נאכט צו די פאראמאנט ראדיא ארקעסטרא.

טיקעטס: ליידיס פריי, מענער 35ס.

מאכט אייער דרוק ארבייט אין דער דרוקעריי פון „אידישען זשורנאל"

וויכטיגע באקאנטמאכונג

א נייער כשר'ער

דעליקאטעסען סטאר

בהשגחת ועד הרבנים והקהלה

איז ערפענט געווארען פון גוט באוואוסטען ווורשט מאנופעקטשורער

א. דאלגין

— אין —

376 קאלעדזש סטריט

וואו איהר וועט באקומען די בעסטע אמת כשר'ע קארנביעף, פאסטראמא צו 60 סענט א פונט, 5 סענט א סענדוויטש, צונגען סענדוויטשעס 2 פאר 15 סענט, 70 סענט א פונט. די בעסטע ווארשטען, וויינערס, גענזענע ווארשט, ביינעל ווארשט, צו בי־ליגע פרייזען

קומט און סייפט 50 סענט אויפ'ן דאלאר. שבת געשלאסען.

מארטגיידזשעס אויף 6 פראצענט

דייוו שער

מארטגיידזשעס געקויפט און געליהען

מיר גיבען עצות פריי.

301 סענטראל בילדינג

45 ריטשמאנד סט. וועסט

טעלעפאן עלגין 7600.

לאיער א. ה. בראון

באריסטער, סאליסיטער, נאטערי פאבליק

394 בעי סטריט

טעלעפאן עדלייד 2544. רעזידענס הילקרעסט F 6146.

געלט געליען אויף מארגערזשעס אויף 6 פראצענט.

טעלעפאן עדלייד 9768. הויז טעל. טריניטי W 3195

לאיער דזשאזעף ט. גארדאן

באריסטער, סאליסיטאר, נאטארי פאבליק.

האט געמופט זיין אפיס אין:

300A דאמיניאן בילדינג

465 בעי סטריט, בעי און אלבערט סטריטס

לאיערס דזש. דזש. גלעס און אי. פי. דיסלעה

— פון —

גלעס, דיס'לער און קא.

רום 501 דאמיניאן בילדינג, 465 בעי סט.

אפיס טעלעפאן עלגין 5512.

אלגעמיינע, ציווילע און קרימינעלע לאו־פראקטיס.

געלט געליען און אינוועסטירט אויף מארטגעדזשעס.

אפיס:

45 ריטשמאנד סט. וועסט

705 סענטראל בילדינג

אפיס טעלעפאן:

וויווערלי 2211

הויז טעלעפאן טריניטי 5418

לאיער ב. וויינבערג ב.א.

באריסטער, סאליסיטאר, נאטערי פאבליק

געלט צו לייען אויף מארגיידזשעס.

מארגיידזשעס געקויפט.

לאיער ניומאן

אפיס: 4 ריטשמאנד סטריט איסט ELGIN 1305

רעזידענס 874 עווועניו ראוד. טעלעפאן היילאנד 6840.

הענרי ס. ראזענבערג

און קאמפאני

באריסטערס, סאליסיטארס א. ז. וו.

703—702 פעדעראל בילדינג.. 85 ריטשמאנד סטריט

טעלעפאנס: עדלייד 1387 — 1386. אווענטען: היילענד 9415.

און אז איצט זענען פארבונדען מיט אים

הארייס ג. בריסטאן און לעאנארד ס. סמיט

LOEWS

היינט און די גאנצע וואך

לאורענס טיבעט און גרייס מור

— אין —

„ניו מון"

קינדער — 15 סענט צו יעדער צייט.

ליבערטי טעאטער

(דאנדעס און ספעדיינע עוועניו)

מאנטאג, דינסטאג מיטוואך

„דאס געזאנג פון סאהא"

דאנערשטאג, פרייטאג און שבת

„העדס אפ"

טשארלס ראדזשערס, העלען קעין און וויקטאר מור. אין



טייפרייטערס און עדינג מאשינען

מיר האבען א גרויסען סטאק פון אלערליי מאשינען, איבערגעבויטע פונקט ווי ניי, וועלכע מיר פארקויפען צו געשניטענע פרייזען און אויף לייכטע אויסצאהלונגען.

מיר וועלען אייך אויך געבען א גוטען פרייז פאר אייער אלטען מאשין — דער פריסטער קויפער וועט אויך באקומען דעם גרעסטען אויסוואהל.

Thomas & Corney Typewriters Ltd.

33 עדעלייד סטריט, וועסט

עדלייד 2—8291.

ליידט איהר פון עקזימא, רינגוואָרם, סאריעסעס, אנדערע שלעכטע הויט־קראנקהייט, איהר האט אלעס געטאן, און עס האט ניט געהאלפען, דאן נוצט

קאנגא סעוו

דער נייער מעדיצינישער זאלב, וואס טוט אויף וואונדער. מאכט די לייב קלאר, צארט און ריין ווי ניי־געבארען.

פרייז 1 דאלאר

ביי יעצטיגע שלעכטע וועטערס, ווען מענשען ליידען פון קאלדס ספעציעל די וואס האבען כראנישען רהומאטיזם איז דאס בעסטע זיך אריינרייבען מיט

קאנגא לינימענט

פרייז פון א באטעל 50 סענט

האלט אזא באטעל אימער אין הויז.

ביידע קאנגא מעדיצינען צו באקומען

ביי סינגער ברידער (דראגיסטען)

26 קווין איסט. עלגין 7512

SINGER BROS., DRUGGISTS

26 Queen St. E. Elgin 7512

מיר דעליווערען און שיקען אויך ביי מעיל. פאסטיידזש פריי.



אונטערזוכט אייערע אויגען, און קריגט די ריכטיגע גלעזער. דער איינציגער ספעציאליסט, וועלכער איז אויטאריזירט פון גאווערנמענט אלס האבען זיך פאראייניגט צו מאכען א

אפטאמעטריסט און אפטישען

דר. הענרי העררים

279 קאלעדזש סט.

(לעבען ספעדיינע)

אפען ביז 9 אוהר אין אווענט.

Dr. Henry Harris

EYESIGHT SPECIALIST

Phone Trinity 6604

279 College St. near Spadina

Open until 9 p. m.



די גארדנער סואינג מאשין קא.

מיר קויפען און פארקויפען אלערליי ניי מאשינען פאר יעדער נירעל פאר. אויך אינסטאלירען מיר און פיקסען אלערליי מאשינען און פארשידענע מאטארען.

עקספערט מעכאניקער זענען שטענדיג צו אייער דיענסט.

173 ספאדיינע עוו

טעלעפאן עדעלייד 0360.

רעוו. ש. ז. גרינגארטען

אנערקענט אין אלע האפיטעלער

אלס מוהל

פון ערשטען גראד

אויך אן

אינטעליגענטער

מסדר קדושין

רופט מיר אויף אייערע שמחות. איך וועל אייך דיענען צו דער בעסטער צופרידענהייט.

פאר ארימע אומזיסט

מיין אדרעס:

395 מארקהאם סטריט

טעלעפאן טריניטי F 3406.

— — — באקאנטמאכונג — — —

דער גוט באקאנטער קירשבוים פון דער בעי לאנטש רום, בעי סט., האט איצט ערעפענט א נייעם מאדערנעם

— לאנטש רום און רעסטאראן —

אין 274 ספעדיינע עוועניו

דאס פלאץ איז ציכטיג און ניי דעקארירט, אויפ'ן שעהנסטען און בעסטען אופן. קומט עסען אייער

ברעקפעסט, דינער און סאפער

אין א פלאץ וואו עס ווערען סערווירט די פרישסטע און געשמאקסטע עסענס, מילכיגס אדער פליישיגס צו יעדער צייט פון טאג.

אויך צו פארענטען א שעהנעם האל פאר באנקעטען, חתונות, פארטיס א. ד. ג.

מיר נעמען אן צו קייטערען פאר חתונות, פארטיס, בר מצוה'ס א. ד. ג. צו יעדער צייט פון טאג.

קירשבוים'ס כשר לאנטש און רעסטאראן

מילכיג אדער פליישיג,

274 ספעדיינע עוו.

גריינער און קא.

די איינציגע אידישע פייער אדזשאסטערס אין טאראנטא

די ראיעלסטע שיפסקאנטאר

האט געמופט אין

265 קווין וועסט

טעל. עדעלייד 4785.

געלט געשיקט אומעטום.

בירגער פאפירען.

געלט געליהען אויף מארטגיידזשעס.

איבערזעצונגען געמאכט אין אלע שפראכען.

איר ווערט געלאדען אין אונזער נייעם אפיס.

גרויסער פוירניטשור סייל

— ביי די —

יארק פוירניטשור קא. לטד.

50 טויזענט דאלאר קלירינג סייל

דער גרעסטער פוירניטשור סייל וואס איז ווען געווען אין שטאדט. ווייל קעש איז נויטיג. דארום גיבען מיר גרויסע בארגיינס אין —

בעדרום סעטס, טשעסטערפילדס און ברעקפעסט סעטס, דיינינג רום קיטשען סעטס,

— צו האלבע פרייזען —

ווי אויך קאמבינישאן סטאוום און רענדזשעס פון בעסטען אויס־וואהל צו די ביליגסטע בארגיין פרייזען.

„סענלעס־ספרינג" מאטראצען $4.25 — בלויז איינעם צו א קאסטומער.

קעש אדער קורצע טערמינען פאר יעדען ארטיקעל.

וואטשט אונזער פענסטער פאר גרויסע בארגיינס, ווי אויך וויטערדיגע אנאנסען. אלעס אין פארניטשור באקומט איהר

יארק פוירניטשור קאמפאני לטד.

366-68 קאלעדזש סט. טעל. קינגסדייל 7978